STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08215

YUDSHIN ONIL

Hayim Lieberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

EUGENE O'NEILL

AMERICAN DRAMATIST

▼

by

Herman Lieberman

יודשין אניל

אן אמעריקאנער דראמאטורג

פון

חיים ליבערמאַן

פארלאג
א. בידערמאַן
189 SECOND AVENUE
New York, N. Y.

פון זעלבן פאַרפאַסער:

דיכטער און וועלטן

ערנסט טאָלער

ליטעראַרישע סילועטן

דאָס פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג
אין אמעריקע

די אידישע רעליגיע אין דער
נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג.

וועט ארויסגיין אינגיכן:

עסייען

שלום אַש

דער נדר (פּאָלקדראַמע)

Copyright, 1930, by
HERMAN LIEBERMAN
Washington, D. C.

סאָניאַ גורסקאַיאַ

א מתנה

אשלאנד פרעס
ניו יאָרק
46

ס ט אַ ד י ע ס

כאַאָס

ים

ערד

הימל

קאָסמאָס

גאָט

בּאַם

דאָס יאָר 1888 און זיין טאָג פון 16טן אָקטאָבער וועלן בלייבן לזכרון אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ליטעראַטור. ווארום יענעם יאָר און יענעם טאָג איז איר געבאָרן געוואָרן: א וואגאבונד, אן אוואנטוריסט, א שכור, א מאטראָז, אן אקטיאָר, א פּאָעט — יודשין אָניל.

ווען שיקזאל און צופאַל וואָלטן געוועזן צוזאמענלייגן זייערע שטערנס און לאנג טראכטן וואָלטן זיי ניט געקענט געוועזן צוטראכטן קיין פּאַסיגערע געבורט פאר אָניל׳ן. ער, וואָס האָט טעאטער אזוי שטארק אין זיין בלוט, אז ווען עס וואָלט ביז אים קיין טעאטער ניט געוועזן וואָלט ער עס אויסגעטראכט, איז געבאָרן געוואָרן דירעקט אין טעאטער אריין. ער האָט די ערשטע שיין דערזען אויף בראדוויי, אויף יענער גאס וואָס איז שוין דעמאָלט געווען, אזוי ווי זי איז היינט, די גרעסטע טעאטער-גאַס אין דער וועלט. און געקומען איז ער אין א הויז וואָס איז היינט דער קאדילאק-האָטעל און וואָס איז דעמאָלט געוועזן א זאמל-פּונקט און א שענקל פארן ארימערן קלאַס אקטיאָרן. און ועל כלם איז זיין פּאָטער, דשיימס אָניל, געוועזן אן אקטיאָר, א גרויסער אקטיאָר פאר זיין צייט, באליבט פון ברעג ביז ברעג אין דער ראָלע פון „גראף מאָנט קריסטאָ“.

דאָס איז געווען די איינציקע ראָלע וואָס דער אַלטער אַניל האָט געשפּילט זיין גאַנץ לעבן און מיט איר האָט ער אויסגעמאָסטן דאָס גרויסע אַמעריקאַנישע לאַנד עטלאַכע מאָל הין און צוריק. און דאָס קינד אין וויגל, ווי אַמאָל די קינדער אין דער פּיאָנערן־בויד, איז נאָכגעפּאָרן אין די טריט פון דעם פּאָטערס אומרו. ווארום אניל׳ס מוטער, כאָטש זי האָט טיף פיינט געהאַט טעאַטער, איז אייביק מיטגעפּאָרן מיטן פּאָטער.

און אַזוי איז יודשין אַניל, פון זיין מוטערס טראַכט אריינגעפאלן אין די אָרעמס פון דער טעאַטער־געטין און האָט געזויגן די בריסט פון דעם אויסגעטראַכטן טעאַטער־לעבן. זיין ערשטע וויג איז געשטאַנען הינטער די קוליסן און די ערשטע זאַך וואָס ער האָט פאַרנומען איז געווען דער ווילדער מישמאַש פון די קוליסן־שטריק, די איבער־רעאַליטעט פון געפּארבטע סצענעס, דאָס אויבערלעבן פון געשמינקטע געזיכטער, און דעם נערוועזן פיבער פון בינען־ברעטער.

אַזוי זיינען אַוועק די ערשטע זיבן יאָר פון זיין לעבן. און ווען עס איז געקומען די צייט צו גיין אין חדר האָט מען אַניל׳ן אָפּגעגעבן אין דער שול פון אַ קאַטוילישן מאָנאַסטיר: פון טעאַטער אין קירכע, פון לייכטזין צו פרומקייט, פון דיאַלאָג צו תפלה. וואַקאַציע־צייט פלעגט אַניל גיין צוריק צו די עלטערן אין טעאַטער, און אַזוי האָט דער יונגער אינגל יאָרן נאָכאַנאַנד זיך געוויגט צווישן די צוויי וועלטן וואָס איינע איז דער היפך פון דער אַנדערער, און איינע איז אַזוי אָפּט דער שונא פון דער אַנדערער.

נאָך דער קאַטוילישער שול איז ער אריין אין קאַלעדזש. פון דאַנען איז ער ניט אַרויס. מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פאַר אַ שקאַצעריי. און דער יונגער אָניל איז אַוועק אַרבעטן.

ער איז געווען אַ סעקרעטער אין אַ געשעפט. זיין אַרבעט איז געווען צו זיצן אויפן שטול און לייענען און ענטפערן בריוו. פון לאַנגווייל האָט ער חתונה געהאַט. און פון פאַרצווייפלונג האָט ער זיך באַלד געגט.

דאַן איז געקומען אַ גרויסע אומרו אויף אים וואָס האָט אים אַרויסגערופן אין דער וועלט אַרויס. עס איז געגאַנגען אַן עקספּעדיציע קיין האָנדוראַס זוכן גאָלד. און אָניל איז אַוועק מיט דער גרופּע, געטראָגן פון יענער ליידנשאַפט נאָך גאָלד וואָס האָט אַזאַ גרויסע ראָלע געשפּילט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע און וואָס איז געבליבן אַן אייביקער פיבער אין אַמעריקאַנישן בלוט. דאָ האָט ער געזען די ליידנשאַפט בפועל ממש, אָבער קיין גאָלד האָט ער ניט געזען. די עקספּעדיציע האָט זיך געענדיקט מיט דורכפאַל. נאָר אָניל איז קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע און איז מגולגל געוואָרן צוריק אין די שטאַטן.

דאָ איז ער ווידער אַוועק אין טעאַטער. ער איז אַרומגעפאָרן מיט אַ טרופּע איבער אַ גרויסן טייל פון אַמעריקע און האָט אַליין אויך געשפּילט אין דער טרופּע. אָפט האָט ער געשפּילט קלענערע ראָלן מיטן טאַטן אין „גראַף מאָנטע קריסטאָ“.

און ווידער איז געקומען דער באַפעלערישער רוף אין דער אָפענער וועלט אַרויס. ער האָט זיך איינגע-

שריבן אויף א נאָרוועגישער באַרקע וואָס איז געגאַנגען קיין בוענאָס איירעס, און ער איז אריינגעטראָטן אין דער וועלט פון מאַטראָסן, אָט די ברוטאַלע, מוס־קולירטע מענער, מיט אויסגעהונגערטע אינסטינקטן, וואָס זייער לעבן וויגט זיך אייביק צווישן דעם אפּגרונט פון ים און דעם געוועלב פון הימל. און ווען ער איז אַראָפּ פון שיף איז ער מיט די מאַטראָסן אוועק אין זייערע שענקען, צוערשט אין בוענאָס איירעס, דער־נאָך אין נויאָרק, דאַן אין לנאָדאָן און אבער און ווידער אין ניו יאָרק. און אזוי איז ער א לאַנגע צייט געגאַנגען פון ים אין שענק, פון שענק צוריק אין ים אריין, אין ים מיט זיין געפערלאכן און מעכטיקן לעבן, אָפּגעריסן פון ערד און טראַדיציע, אין די שענקלאַך וואו די מענטשן גייען מיט פאַרנעפּלטע אויגן אבער אָפענע הערצער, אין יענע הייזלאַך וואו מען שפּייט אויפן דיל, שוועבע־לאַך רייבט מען אָן דער וואַנט, קאָרטן שפּילט מען מיט א רעוואָלווער ביי דער זייט, און שלאָפן לייגט מען זיך ניט, נאָר מען פאַלט אוועק, אויפן קולאַק אדער אונ־טערן טיש. דאָ האָט אָניל געזען דאָס לעבן אין דריים־טער אָפּנקייט, מענטשן וואָס פירן די פרייע עקזיסטענץ פון חיה׳ס, נאָמאַדן פון גייסט, וואַגאַבונדן וואָס לעבן פון אייגענעם קוועליגן כח. און אָניל איז געוואָרן איי־נער פון זיי אויף א סך יאָר.

נאָר זיין קערפּער האָט ניט אויסגעהאַלטן. ער איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און האָט געמוזט אוועקגיין צוריק אויפן לאַנד, צו געזונטער נאַטור, אין דער צוריקגעצויגענער איינזאַמקייט פון א סאַנאַטאָריע.

דאָ איז ער, נאָך שווערן טומל און שכורער מהומה, ענד־לאַך געבליבן אַליין, אַליין מיט די אויגן פון טויט אַנגע־שטעלט אויף אים.

„און דאָ — זאָגט אַניל — האָב איך צום ערשטן מאָל גענומען אַלץ באַקלערן“, און — שרייבן.

ים

1.

„דאָרשט“; איינאַקטערס

ווען דער כאַאָס פון אָניל'ס לעבן האָט זיך גענומען אָפּזעצן ארום אים, איז די ערשטע זאַך וואָס איז אויפגעקומען פאר זיין אויג געווען דער ים.

דער ערשטער צענדליק דראַמען וואָס איז ארויס פון זיין פּעדער זיינען געווען דראמען פון ים. אָניל האָט זיין סצענע לכתחילה אויפגעשלאָגן ניט אין א צימער, נאָר אויפן דעק פון א שיף אָדער אין אירע גדעדערים, אויף פעלזיקע ים-ברעגן און אויף וויסטע אינזלען.

און אפילו ווייניקער ווי דאָס. איינער פון זיינע סאַמע ערשטע איינאַקטערס שפּילט זיך אָפּ אויף א שטיק פון אן אונטערגעגאנגענער שיף, אויף עטלאכע ברעטלאך, צו וועלכע דריי מענטשן האָבן זיך צוגעקלעפּט. די סצענע איז פורכטבאַר גראַנדיעז: א ברייטער, ווייטער, גלייכגילטיקער אָקעאַן אונטן, א שטאָלענער הימל מיט א ברענענדיקער זון „ווי דאָס אויג פון א צאָרנדיקן גאָט“ אויבן, מחנות הונגעריקע הייפיש וואָס לויערן אויף זייער רויב ארום און ארום, און אין מיטן — א שטיק פון א צעבראָכענער שיף, אויף וועלכער עס צאַפּלען זיך דריי מענטשלאכע לעבנס. שוין עטלאַכע טעג ווי זיי ווערן געטראָגן אויפן סאמע ברעג פון עקזיסטענץ — א מיידל, א זשענטלמאן און א נעגער-מאטראָז — און אין מיטן פון א ריזיקער וואַסער-וועלט ווערן זיי פארצערט פון דאָרשט. פון דאָרשט,

הונגער און טויט-שרעק זיינען זיי שוין האלב משוגע, און אין זייערע וואנזיניקע האלוצינאַציעס דוכט זיך די צוויי ווייסע אָפּ אַז דער שוואַרצער האָט פאַרבאָרגן א פלעשל וואַסער. זיי בעטן זיך ביי אים א טראָפּן צו באַנעצן די ליפּן, אָבער אומזיסט. און דאָס מיידל פאַלט אויף א גע־דאַנק: זי טראָגט א טייערן שנירל פערל אויפן האלז, נעמט זי עס אראָפּ און לייגט עס צום נעגערס פים פאַר א טראָפּן וואַסער. נאָר אומזיסט. אָבער דאָס מיידל פאַרמאָגט אפילו נאָך א מער טייערן אוצר, — איר איי־גענעם קערפּער פון א רייצנדיקער טענצערין, וואָס אַזוי פיל פאַרערער האָבן זיך נאָך דעם שטענדיק געיאָגט. אירע ווייבלאַכסטע רייצן לאָזט זי אין שפּיל, כדי אויפ־צעוועקן די נעגערשע תאוה, אָבער קיין וואַסער איז פּאַרט ניטאָ. פון פאַרצווייפלונג וואַרפט זי זיך דעם נע־גער שטיקן, אָבער ער שליידערט זי אָפּ. דאַן לאָזט זי זיך אוועק, אין ווילדער משוגעת, אין א האלוצינירטן טאַנץ, מיט וויזיעס פון טעאַטער, פון טויזנטער בליצנ־דיקע ליכטער און שלינגענדיקע אויגן, און אונטער די משוגענע אַפּלאָדיסמענטן פון דעם פּאַרוקטן זשענטל־מאַן פאַלט זי טויט. א פרייד לויכט דאַן אויף אויף דעם נעגערס פּנים; ער כאַפּט א מעסער און לויפט אויפשניי־דן דעם קערפּער וואָס איז נאָך וואַרעם, כדי צו שטילן דעם דאָרשט מיט מיידלשן בלוט און דעם הונגער מיט מיידל-פלייש. דער ווייסער זשענטלמאַן קאָן עס ניט פאַרטראָגן און ער שאַרט אַראָפּ דעם טויטן קערפּער אין וואַסער אריין. אין פאַרצווייפלטער רציחה יאָגט דער נעגער אריין דאָס מעסער דעם זשענטלמאַן אין האַרצן. דער זשענטלמאַן קערט זיך איבער א טויטער

אין וואַסער אריין, נאָר זיין האַנט, אין קראַמפּן פון טויט, קלאַמערט זיך איין אין נעגערס קאָלנער און שלעפּט אים מיט אין אָפּגרונט אריין. און אזוי ווערן אלע, דאָס מיידל און די מענער פארשלונגען אין די כוואַליעס, א סעודה פאר די הייפיש, און עס בלייבט נאָר דאָס שנירל פּערל ליגן און פינקלען אין דער זון, אין דעם ברענענדיקן „אויג פון א צאָרנדיקן גאָט".

דאָס ווערק איז קליין און אין טויזנט זאַכן ניט צייטיק. דאָך קען מען שוין דאָ אין טויזנט פרטים פילן, ניט א קוליסן-ציער און טעאַטער-שטיק-פאַרפאַסער, נאָר אן אמתן דיכטער. קודם-כל די גוואַלטיקע סצענע. וואָס פאַר א העזה דאָס איז פון אן אָנהויבער צו קומען און ארויפוואַרפן אויפן טעאַטער אזא אויפגאַב ווי סצענירן א שווימענדיק שטיק שיף מיט דריי מענטשן אין אן אומענדלאכן אָקעאַן, צווישן הימל און אָפּגרונט. דאָס איז שווער אפילו פאר דער מאָדערנער טעכניק. אָבער אין דעם דאָזיקן שוואונג זעט זיך שוין די גענוואַגטקייט אנטקעגן דער בינע וואָס אָניל האָט ארויסגעוויזן דורך זיין גאַנצער דראַמאַטישער קאַריערע. אָניל האָט שפּע-טער א סך מוטיקע פּראָבלעמען פאַרגעבן דער בינע און א סך פון זיי געלייזט, און אזוי ארום געעפנט נייע ווינק-לען אין די דריי ווענט פון דער בינע, און נייע וועגן דורך זיי אין דער וועלט ארויס. און די העזהדיקע אויפ-גאַב פון „דאָרשט" איז נאָר זיין ערשטער מוט, דער יונ-גער אויסדרוק פון קינסטלערס שעפערישער גוואַלט אי-בער זיין מאַטעריע.

די צווייטע אייגנשאַפט וואָס אנטפּלעקט זיך אין דעם איינאַקטער איז א גרויסער פרימיטיווער כח. אויף

דעם קליינעם שטח פון א פּאָר ברעטער זאַמלט אָניל צונויף אַלע גרונט-אינסטינקטן פון דעם מענטשן אין זייער אור-געוואַלט: קודם-כל דער אינסטינקט פון בלויזער דערהאַלטונג, די רויע מורא פאַרן טויט. דאַן הונגער, דאָרשט, דאָס שפּיל פון געשלעכט, די תאווה נאָך בלוט וואָס לויערט טיף אויפן שוואַרצן אָפּגרונט פון אונזער וועזן, און צווישן זיי דער אינסטינקט פון באַזיץ, פון גייציקייט.

די מייסטערשאַפט איז אַן אור-קוועליקע, א ברוטאַלע, ווי זי וואָלט גלייך פון דער ערד געשלאָגן. די טראַגעדיע פון די דריי מענטשן איז ניט קיין עסטעטישער טיי אויף אַן איידעלער טאַץ דערלאַנגט. עס איז א געדיכט פון זאַלץ-וואַסער מיט גאַל. זיין טראַגעדיע איז די טראַגעדיע פון עלעמענטישע אינסטינקטן, געשטעלט געגן דעם פורכטבאַרן געזיכט פון עלעמענטישע כחות. עס איז די קראַפט פון פרימיטיווער דראַמע, עלעמענטאַר, ספּאָנטאַן, אומבאַרירט.

דאָך איז דער טאַלאַנט פאַר איידעלער צייכנונג אויך שוין קאָנטיק. דאָס קליינע ווערק איז פול מיט דינע שטריכן אויף דעם גראָבן שטאָף, פול מיט פיינער קריצונג אויף רויען שטיין. שוין דאָס אויסזען פון די מענטשן אליין. די קאַטאַסטראָפע מיטן שיף איז געשען פונקט אין דעם מאָמענט ווען דאָס מיידל, א טענצערין, איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר טואַלעט צו געבן טאַנץ-קאָנצערט אויפן שיף. דער זשענטלמאַן איז געווען אין „פול דרעס“. איצט זיינען זייביידע נאָר א קאַריקאַטור אויף זיך אליין. דעם זשענטלמאַנס קראַגן איז

איצט נאָר ווייסער פּאַפּ. פון דער געפּאַרבטער וואָנצע רינט אראָפּ א שוואַרצער פּאַס אין האַלז אריין. דאָס מיידל ליגט אויפן פּליט אין איר קורץ, אויפגעבלאָזן קליידל, די אַקסל נאַקעט, די טאַנץ-שיכלאַך צעדרייט, דער שמינק צעשמירט אין א ווייסטן געמיש אויפן שיי־נעם געזיכט.

אנטקעגן דער ברוטאַלער און ווייסטער סביבה, וואָס קאָן זיין ציטעריג פיינער ווי אָט־די איידל־גראַטעסקע ליניעס? אנטקעגן דער אומגעהויערער נאַטור־געוואַלט ארום זיי, וואָס קאָן אויסזען מער צוברעכלאַך, צומאָלע־נער און צושטויבטער ווי די „מענטשלאַכע מאַכט” פון אָט־אָ־די מענטשן? דער מאָמענט ווען דאָס מיידל וויל לאָקען דעם נעגער און זי כאַפּט זיך, אזוי ווייבלאַך, צו־צופּוצן די האָר און צוצושמינקן דאָס פּנים — אָט דאָ, אויף די ברעטלאַך, אויף דער דינער האָר צווישן לעבן און טויט — וואָס קען זיין פּאַטעטישער? און ווען דער שוואַרצער נעגער דערפילט דאָס ווייסע ווייב און עס גיט א פלאַקער־אויף די תאוה אין אים און לעשט זיך הילפלאָז באַלד אוים — וואָס קען זיין טראַגישער? אָדער דער טאַנץ פון משוגעת פון דער יונגער טענצע־רן, דאָ אויפן פּליט פאַר א טאַנץ־דיל, אנטקעגן דעם אומבאַרעמהערציקן אָקעאַן און אונטערן אומרחמנות־דיקן הימל, מיט צוויי משוגעים פאַר צושויער און הונ־געריקע הייפיש פאַר געסט — וואָס קען נאָך זיין פאַנ־טאַסטישער?

עס איז דינע, איידעלע ארבעט, און גרויס־דיכטע־רישע וויזיע. עס איז שטאַרק און פריש פאַרטראַכט.

אן אָריגינעלער פּאָבוליר־טאַלאַנט אַנטפּלעקט זיך אין דעם דאָזיקן קליינעם ערשטלינג־ווערק. די טעמע איז ניט אַזאַ, וואָס ליגט אויף די ברייטע שליאַכן פֿון דער ליטעראַטור, און זי ווייזט ניט נאָר אַז אָניל האָט גע־זאַמלט זיינע דערפאַרונגען אין ערטער וואו ניט קיין סך מענטשן גייען, נאָר אַז ער האָט אַן אָריגינעלע פאַנ־טאַזיע, א פאַנטאַזיע מיט א פרישן גערוכט. די טעמע איז א גרויסער איינפאַל און ווייזט אויף מוט צו דיכ־טונג. מוט און קראַפט.

נאָך שטאַרקער טרעט ארויס די אָריגינעלקייט פון אָניל׳ס פאַנטאַסטיק אין דעם איינאַקטער „די שטריק“. דאָס קליינע שטיק שפּילט זיך אָפּ אויף א הויכן פעלזיקן ים־ברעג און געהער האַלב צום ים, האַלב צו דער יבשה. דער אינהאַלט איז, אין דער ליטעראַרישער טעמאַטיק, אַזוי טשיקאַווע ווי עפּעס א חידושדיקע זאַך וואָס דער ים האָט ארויסגעוואָרפן אויפן ברעג. די סצענע איז א שייער, און אין מיטן שייער, פון א הויכן באַלקן ארונ־טער, הענגט א שטריק מיט א פאַרטיקער פעטליע פאַר א מענטשן זיך צו הענגען. שוין לאַנגע, לאַנגע יאָר הענגט די תליה און וואַרט אויפן האַלז פון א מענטשן. ווער האָט דאָ די תליה צוגעגרייט און פאַר וועמען?

דער פאָטער, דער אַלטער פאַרמער איז דער תליון, און ער האָט די תליה פאַרטיק געמאַכט פאַר זיין איינגעם־טן זון. אמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט דער אלטער אייבראַהאַם בענטליי זיך גענומען א יונג ווייב און זי האָט אים געבאָרן א זון. דאָס ווייב האָט אים אוועק־געוואָרפן און דער זון האָט אים באַ׳גנב׳עט. און ביידע

זיינען פארשוואונדן. דעמאָלט האָט די קראַנקע פאַנ־טאַזיע פון דעם באַליידיקטן אלטן מאַן אויסגעדיכטעט א חלום פאַר זיך: א תליה; דער זון וועט נאָך אמאָל קומען, ער וועט מוזן קומען געלאָקט פון דעם אוצר גאָלד וואָס דער אלטער האָט ערגעץ באַהאַלטן; און אז ער וועט קומען זאָל ער אויף אָט דער שטריק געהאַנגען ווערן.

דערווייל האָט דער אלטער אויסגע׳חזר׳ט אויס־ווייניק אלע קללות און חרמות פון תנ״ך און גייט איי־ביק ארום און שילט. די גאַנצע גאַל און ברודנע וואַסער פון זיין נשמה גיסט ער אויס אויפן קאָפּ פון זיין טאָכ־טער און איידים און זיין יונג אייניקל. אלט, צעבראָכן, א לאָמער פון פּאַראַליז, גייט ער ארום מיטן שטעקן און טאָג און נאכט, ווי דער שוואַרצער הונט ביים מויל פון שאול תחתיה, שטייט ער אדער זיצט אדער ליגט און האלט וואַך איבער דער תליה, קיינער זאָל זי ניט אָפּ־בינדן. און טאָכטער און איידים זיינען ניט בעסער צום טאַטן ווי דער טאַטע צו זיי. איין געדאַנק האָט ער: דער מיזיניק זאָל קומען און ברענגען זיין האלז אין פּעטליע אריין, און נאָר איין געדאַנק האָבן זיי: ווי דערלעבט מען שוין ער זאָל וואָס גיכער שטאַרבן, כאָטש די פאַרם האָט ער אָפּגעזאָגט אין א צוואה זיין אינגסטן זון, און מען זאָל קענען געפינען דעם באהאלטענעם אוצר מיט רענדלאך.

נאָר אָט, נאָך לאַנגע פינף יאָר וואַרטן, עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין דער פאַרלאָרענער זון. ליוק איז א מאַטראָז, רוי, ווילד, וויסט, באַרבאַריש. ער

מאַכט זייער גיך קלאָר נאָך וואָס ער איז געקומען: נאָכ׳ן טאַטנס געלט.

און ווען דער טאַטע דערזעט אים באַפאַלט אים א גרויסע פרייד: דער חלום צו זען דעם זון געהאַנגען איז נאָענט. מיטן שטעקן טרייבט ער דעם גאַסט צו לייגן זיין קאָפּ אין דער פּעטליע. ליוק פאַרשטייט עס ניט. לכתחילה מיינט ער ס׳איז א שפּאַס. ער פּרובט אוים דעם טאַטן, טראָגט אונטער א שטול אונטער דער תליה און נעמט לייגן דעם קאָפּ אין דעם שלייף. ניין, ס׳איז ניט קיין שפּאַס: דער טאַטע שמייסט אים אין דער פּעטליע אריין. ווילד פון רציחה כאַפּט ער דעם טאַטן און שלאָגט אים האלב טויט. קוים וואָס מען רייסט אים ארוים פון זיינע הענט און מען טראָגט אים אוועק.

עס בלייבן ליוק און דער איידים אויג אויף אויג, און דאָ ערשט דעקט זיך אויף די גאַנצע בעסטיאַליטעט פון די מענטשן: ליוק, משוגע פון רויען האַס, פּלאַנע־וועט אוים א גרויזאַמע פּייניגונג פאַרן אַלטן מאַן ער זאָל אויסזאָגן וואו ער האָט זיין אוצר באַהאַלטן: מיט א דלאָט וועט ער אים עגבערן לייב און ביין, מיט אָנגע־גליטע אייזנס וועט ער אים ברענען די נאַקעטע פּיאַ־טעס, אַזוי לאַנג ביז ער וועט זיין סוד ארויסגעגעבן. און די צוויי לאָזן זיך אוועק אויספירן דעם שרעקלאכן באַ־שלום.

עס בלייבט איבער א קינד אליין מיט דער תליה, און דאָס קינד נעמט זיך העגגען פאַר א שפּיל. רייסט זיך אָפּ די שטריק און פון אויבן, פון באַלקן, פאַלט אראָפּ

א זאַק מיט רענדלאַך. דאָס קינד מיינט ס'איז טשיקאַווע שטיינדלאַך און וואַרפט זיי אײַנציקווייז אין וואַסער אַרײַן.

עס איז א קליין ווערק, שיין און אומהיימלאַך ווי א שוואַרצע קאַץ, אומהיימלאַך ניט נאָר מיט דער פאַבל, נאָר מיט דעם כאַראַקטער פון די העלדן. קיין שום מענטשלאַך געפיל באַהערשט זיי ניט, נאָר גאַליקע שנאה און א פאַרצערנדיקע תאווה נאָך גאָלד. פינף פערזאָן, אויסער דעם קינד, זײַנען אין דער דראַמע פאַרפלאָכטן, א קנויל פון פינף צישנדיקע שלאַנגען. ווען דאָס ווערק בינט זיך אויף, בלײַבט ניט קלאָר צי דער בייזער זקן האָט געהאַט דעם טייוולשן פאַרלאַנג דער זון זאָל זיך אויפהענגען אונטערן סאַמע געלט וואָס ער האָט אזוי געגאַרט, אָדער ער האָט אים געוואָלט שטעלן צו נסיון, און ווען ער וואָלט געפאָלגט דעם טאַטן און געגאַנגען אויף דער תליה וואָלט ער דערפאַר באַלוינט געוואָרן מיטן אוצר. אזוי צי אזוי, די פאַבל איז ניי און פריש מיט אן עכטער אָריגינעלקייט און נאָך מער ווי „דאָרשט" ווײַזט זי אויף א רײַכן דערפינדערישן טאַלאַנט.

„דאָרשט" איז אָניל'ס אײַנלייטונג צום ים, זײַן אַרײַנפיר אין דער ים־טעמע, און שוין דאָ געפינען מיר אין קערן א פילאָזאָפיע פון ים און זײַן שייכות מיטן מענטשן. א גרויסער פיינט פון מענטשן איז דער ים, א גרויסער, אומבאַרמהערציקער שיקזאַל. דער מענטש קען ניט בײַשטיין דעם פאַטום פון ים וואָס פאַרפייניקט זײַן קרבן אין גראַנדיעזער גלײַכגילטיקייט, און אנט־

מענטשלאכט דעם מענטשן. דריי מענטשן זיינען פאַר־וואָרפן געוואָרן אין זיין גרויסן וואַסער־מדבר, און די זאַלץ פון די וואַסערן האָט אראָפּגעגעסן יעדע מענטש־לאַכע פאַרב פון זיי. לעבנס־געפילן, וואָס יאָרטויזנטער האָבן זיך אין זיי אויסקריסטאַליזירט, זיינען אַוועקגע־פאַלן ווי א שלאַנגען־העמדל, און די דריי זיינען געבליבן נאָר רוי לייב מיט עטלאַכע אינסטינקטן פאַרשטעקט דערין.

וואָס טוען אַניל׳ס ים־מענטשן אויפן ים? וואָס לאָקט זיי דאָרט? וואָס צו דערגרייכן ציט זיי אהין?

אַניל׳ס מאַטראָזן זיינען ניט קיין ראָמאַנטישע נאַ־טורן און זייערע קאַפּיטאַנען ניט קיין העלדישע פירער צו פאַנטאַסטישע אינזלען. ניט די בענקשאַפט צו דער־לאַנגען דאָס גרעניצלאָזע רופט זיי אין ים אריין, ניט דער טריב צו דערפילן די אייביקייט אין קורצן אויגנ־בליק פון לעבן. ניטאָ קיין דיכטער צווישן זיי, וואָס ווערן מיטגעריסן פון דעם ים־וואונדער, אויך ניט קיין גאָטזוכער וואָס זוכן גאָטס טריט אויפן וואַסער. אַניל׳ס מאַטראָזן און קאַפּיטאַנען און ים־פאָרער זיינען פּראָס־טע מענטשן וואָס גייען אין ים, דאָס רוב ווי בידנע פּי, צו בינדן די שטריק פון די מאַסטן און טרייבן דאָס רע־דער־ווערק מיט אויל און שווייס, אנדערע פּשוט צו כאַפּן פיש און—גאָלד.

נאָר א גרויזאמער געבער איז דער ים און ער לייגט א שווערע לאַסט אויף די מענטשן, וואָס קומען צו אים נעמען. אָפט ניט־ווילנדיק גייען זיי, און קומען זיי צו אים, בלייבן זיי פאַרכשופטע אין זיין מאַכט, ווי דאָס

דערשראָקן פויגעלע אין די אויגן פון דער שלאַנג. א גע־הײמעניספולער פּאַטוס איז דער ים, וואָס לייגט א חתימה אויפן מענטשן, און דורך דער חתימה ווערט ער אויף אייביק זיינער.

אָט איז קאַפּיטאַן און ים אין דעם איין־אַקטער „אויל". עס איז א וואַלפיש־שיף. די שיף האָט זיך פאַרשלאָגן ווייט אין צפון און שטייט און וואַרט אויף פרילינג. דעמאָלט וועט דאָס אייז צו צפון־צו נעמען שמעלצן, און עס וועלן קומען די וואַלפיש. צוויי יאָר שטייט שוין דער קאַפּיטאַן מיט זיין שיף פאַרגליווערט אויף דעם פלאַץ. מיט זיי איז דאָ דעם קאַפּיטאַנס ווייב, וואָס האָט אים באַגלייט אויף דער רייזע: זי האָט גע־וואָלט מיטמאַכן דאָס גרויסע, פרייע און געוואַגטע לעבן פון וואַלפיש־פאַנג. אָבער די גרויע גרויסקייט פון ים, זיין שווערע שטילקייט, זיין פאַרפראָרן האַרץ, זיין בלינד אויג, זיין גלייכגילטיקע געדולד האָבן זיך ביסלאַכווייז ווי א פאַראַליז גענומען אַפּלייגן אויפן בלוט פון דער יונגער פרוי, און אויך פון דער גאַנצער מאַנשאַפט. די מאַנ־שאַפט פאָדערט מען זאָל פאָרן אהיים, זיי קענען עס מער ניט אויסהאַלטן. די פרוי בעט זיך ביים קאַפּיטאַן: — „איך ווער משוגע!" אבער קאַפּיטאַן קיני וויל זיך ניט אומקערן, ער קען זיך ניט אומקערן. פאַרוואָס? ער האָט אָנגעזאַמלט ערשט פיר הונדערט פעסער מיט אויל, די שיף איז נאָך ווייט ניט פול, און ווי קען ער קומען מיט א האלב ליידיקער שיף? וואָס וועלן זיינע קאָלעגן־קאַפּיטאַנען זאָגן? ער וועט דאך ווערן צו גע־לעכטער. ערגייץ און געלט־גייץ, און די פעלזיקע האַרט־

קייט וואָס ער האָט געבאָרגט ביים ים, מאכן אים שטייף און פאר׳עקש׳נט.

די מאַנשאַפט ברעכט אוים אין אַן אויפשטאנד. קאַפּיטאַן קיני אונטערדריקט אים מיט אַ גרויזאַמער האַנט. די פרוי גייט ארונטער פון זינען פון ברוטאלן שרעק און פארגליווערטער האפנונגסלאָזיקייט. נאָר אין דעם מאָמענט ווען זי פאלט אריין אין משוגעת קומט מען אָנזאגן דעם קאַפּיטאַן אז דער אייז צו צפון-צו האָט זיך געעפנט און עס שווימלט דאָרט מיט וואַלפיש.

דאָס איז געווען דאָס שפיל פון ים און מענטש. דער ים האָט געגעבן דעם קאַפּיטאַן די פיש וואָס ער האָט געוואָלט, אָבער דערפאר האָט ער געשלאָגן זיין ווייב מיט משוגעת.

און אָט איז דער מאַטראָז אַלסאַן אין זיין „לאנגער רייזע אהיים“. דאָס איז איינע פון אָניל׳ס רירנדיקסטע טראַגעדיעס. אַלסאַנ׳ס גרעסטער חלום איז געווען אוועקצוואַרפן די מאַטראָזעריי און זיך אומקערן אהיים, צו מאַמע און ברודער, און צו הויז און קו און ערד אין זיין ליבער שוועדן. אַ סך ביטערע זאַלץ האָט ער פון ים איינגעזויגן אין זיך. ענדלאך אָבער האָט ער געמאכט זיין לעצטע רייזע און איז אָנגעקומען אין לאָנדאָנער האַפן. ער וואַרט נאָר אויף דער ערש-טער שיף, וואָס גייט קיין שוועדן, צו זיין געגאַרטן ציל. בלויז צוויי טעג רייזע טיילט אים אָפּ פון זיין גרויסן חלום אויף דער וואָר. ווי נאָר ער טרעט ארויף אויף פעסטער ערד קריגט ער גלייך אַן אָנבאָט צו פאָרן ווי-דער אלס מאַטראָז: די „אמינדראַ“ דאַרף אָפּפאָרן און

זוכט א מאנשאפט. אָבער אלסאָן וויל ניט הערן. דערצו קען ער צו גוט די „אמינדרא", וואָס פאר א פאַרפלוכטע שיף דאָס איז. און די נסיעה וואָס זי דארף מאַכן איז אויך ניט קיין גלאַטער גליטש פאר א מאטראָז: עס איז קאַפּ האָרן, דער שרעק פון אלע ים־פאָרער. אָבער דער עיקר — ער פאָרט אהיים, אהיים, צו אייגענע און צו ערד.

ער קען זיך אָבער פאָרט ניט אויסהיטן פון דעם שיקזאל פון ים. אין דעם מאַטראָזן־שענקל, וואו ער קעמפט זייער בראַוו מיט זיך קעגן א טרונק בראַנפן, שאַרט זיך צו אים צו א מיידל. זי רעדט אים איין צו טרינקען. דער בראַנפן, פארמישט מיט א לייכטן סם, באַטויבט אים. דאן נעמט מען אים ארויס פון קעשענע זיין געלט, צוויי יונגען כאַפּן אים אונטער די ארעמס און א באַוואוסטלאָזן שלעפּן זיי אים אוועק אויף דער פאַרשאָלטענע „אמינדרא". ווען אלסאָן וועט אינדערפרי זיך אויפכאַפּן פון גיפטיקן שלאָף וועט ער זיך רייבן די אויגן: ער וועט זיין אויפן וועג ניט צו זיין אויסגעבענקטער שוועדן, נאָר צום גרויל־פּלאַץ פון אלע גוטע מאַטראָזן, צום קאַפּ־האָרן.

און ווי אַלסאָן אזוי זיינען אַלע אָניל׳ס מאַטראָזן.

פון אָניל׳ס מאטראָזן טראָגט קיינער ניט אין זיך דעם ראָמאַנטיזם פון ים. קיינעם ניט פון זיי איז די שיף א ווייב און א היים, און ניטאָ קיין איינער צווישן זיי וואָס זאָל ליב האָבן דעם ים, און אים ליבן פאַר זיין גרויסקייט, פאר זיין סוד, פאר זיין געטלאכער מיסטעריע. דער ים באַרירט זיי ניט מיט דער שפע פון

זיינע וואונדער, נאָר מיט זיינע שרעקן און אנגסטן. ניט קיין טרוימען און טראכטן רעגט ער אין זיי, נאָר אנגסט און צאָרן. מיט זיין גרויסער פרייהייט און גלאָריע איז ער פאר זיי נאָר א וואוינאָרט פון שד, און די גרויסע לײדנשאפט פון זיין הארץ פילט זיי ניט אָן מיט לײדנ־שאפטלאכן שפיל. זיי הערן קיינמאָל ניט דעם געזאנג פון זיינע ווינטן, אין דער מהומה פון זיינע כוואַליעס הערן זיי נאָר דעם ברילן פון טויט. זיי פארטראָגן ניט דאס איבער־גרויסע לעבן פון ים. זיי זיינען וואַרע לאַנד־מייז, וואָס בענקען אייביק נאָך דער ערד.

2.

„אַנאַ קריסטי“

אָניל׳ס גרעסטע ים־דראַמע, און זיין ערשט גרויס מייסטערווערק, איז „אַנאַ קריסטי“. זעלטן צו געפינען א מער טראַגישן מענטשן, געשלאָגן מיט א שווערערער האַנט פון שיקזאל ווי קריסטאפער קריסטאפערסאָן. קריסטאפער איז א שוועדישער מאַטראָז, אן אייניקל פון די בראווע ים־קינדער, די וויקינגען. אבער פון די וויקינגען איז אין אים געבליבן ניט מער ווי דער געזונטער ביין און דער האַרטער מוסקל, אָבער ניט די ליבשאפט צום ים און ניט דער מוט פון אָקעאַנען. ער איז געזונט און מעכטיק, ער האָט אָבער מורא פאַרן ים ווי א הון. ער איז צו פרימיטיוו, צו קינדעריש־נאַיוו, ער זאָל זיך אָפגעבן א חשבון, נאָר אן אינסטינקטיווע שנאה איז צווישן אים און דעם ים ווי די אינסטינקטיווע שנאה צווישן קאַץ און הונט. ער קען דעם ים צו גוט: ס׳איז א טייוול, פול מיט שפיצלאך, א בייז באַשעפעניש וואָס האָט ליב מענטשנפלייש. קריסטאפער׳ס גאנצער שטאַם, זיינע פאָטערס און אור־פאָטערס, זיינען געווען קינדער פון ים און זיי זיינען אלע דורך אים אומגעקומען. זיי זיינען געבאָרן געוואָרן אויף זיינע ברעגן, האָבן געלעבט אויף זיינע כוואליעס און אראָפגענידערט אין זיינע גרינע אָפגרונטן. אויף אים אליין האָט ער אויך

שוין זיין שווערע האַנט געלייגט. זיינע צוויי זין האָבן יונגערהייט זיך דערטרונקען. ער אליין האָט וויפיל מאָל שוין געפּרובט זיך באַפרייען פון דעם ים׳ס ממשלה, שוין וויפיל מאָל אָפּגעשפּאַרט געלט צו פאָרן אהיים, קיין שוועדן, צו דער יבשה, אבער קיינמאָל האָט ער זיין ווילן ניט דורכגעזעצט. דער ים, דורך זיינע געהיימע קונצן, האָט אים אַלע מאָל צוריק פאַרהאַלטן אין נעץ, און אנשטאַט שוועדן איז ער גאָר געקומען קיין יאַפּאַן, כינע, אמעריקע, וואו נאָר די וועלט האָט אַן עק. ווי א פיש אין וואַסער איז ער אייביק געשוואומען נאָר צווישן די ברעגן און אויפן ברעג קיינמאָל ניט געקאָנט ארוים.

אָבער קריסטאָפער פארשטייט דאָס שפּיל פון ים, וויים זיינע טייוולשע גענג און ער פארמעסט זיך איינמאָל פאר אלע מאָל אָפּצושניידן דעם נאָפּל פון זיין שטאַם פון דעם ים און אים פאַרפלאַנצן אין דער ערד. אייך־איינציקע טאָכטער, אַנאַ, איז אים נאָך געבליבן. זי, ווייניקסטנס, זאָל דעם טייוול־ים ניט געהערן. זי זאָל געהערן דער גוטער מאַמע־ערד. און ער לאָזט זיך אריין אין א קאַמף מיטן ים איבער זיין טאָכטער. ער האָט א גוטן פּלאַן. כדי זי צו באַהאַלטן פון דעם ים׳ס גרינע אויגן שיקט ער זי אוועק טיף אין לאנד אריין. ערגעץ ווייט, אין מיטן פון דער גרויסער אמעריקאנער ערד, אין האַרץ פון דער רחבותדיקער אמעריקאנער יבשה, אין מינעסאָטאַ, לעבן דער ווייב׳ס קרובים, לאַנד־אַרבעטער. און ווען אַנאַ איז קוים א האלב צענדליק יאָר אלט, שיקט ער זי אוועק זיך צו האָדעווען ביי זיינע קרובים־פאַרמערס.

ער באַהאַלט זי אויס פון ים און פאַרטרויט זי דער ערד. זי זאָל געהערן דער יבשה. פופצן לאַנג יאָר האָט ער זיך איר ניט געוויזן אויף די אויגן. ער האָט איר אפילו זעלטן א בריוו געשיקט, כדי אז ניט דורך זיין אייגענעם אָטעם, און ניט אפילו דורכן הויך פון פּאַפּיר זאָל זיך צו איר דערטראָגן דער שטורעם־אָטעם פון ים.

און ווען איינער פון די העלדן אין דער דראַמע, דער שענקער, זאָגט:—„דאָס מיידל דיינס וועט מסתמא חתונה האָבן מיט א מאַטראָז, ס׳איז שוין אזוי אין בלוט״, — וואַכט אויף אין קריסטאָפּערן זיין וויקינג׳שער שטאָלץ, ער שפּרינגט אויף מיט ווילדער רציחה און גיט א קלאַפּ מיטן פויסט אין טיש : „ביי גאָט, ניין ! זי וועט עס ניט טאָן !״

קריסטאָפּער׳ס מלחמה מיטן ים איז אָפּיציעל דערקלערט. די אייביקע מלחמה צווישן מענטש און פאַטום.

עס קען קוים זיין א מער דערהויבענער טראַגיזם ווי דער טראַגיזם פון דעם אַלטן פאָטער אין קאַמף מיטן איבערמענטשיקן פיינט פאר זיין הילפלאָז קינד. דאָס פּראָבלעם פון פאַטום איז דאָ אַוועקגעשטעלט אזוי שאַרף און אזוי טראַגיש ווי אין דער אַלט־קלאַסישער און פּסעווּדאָ־קלאַסישער דראַמע, נאָר אנטוויקלט ווערט דאָ דאָס פּראָבלעם ניט אויפן וועג פון קלאַסישן הערויזם. אָניל קען ניט צווישן זיינע מאַטראָזן דעם נאַטורהאַפּטהעלדישן טיפּ, וואָס ער זאָל אים קאָנען אריינברענגען אין א העלדישן שפּיל מיט א גרויסער נאַטור־קראַפט. ווער איז דען קריסטאָפּער, אז ער זאָל זיך שטעלן קעגן ים מיט גבורה? און אָניל האָט פון קריסטאָפּערן געמאכט

א העלד וואָס זוכט איינצונעמען דעם פּיינט ניט מיט „כח״, נאָר מיט „חכמה״. קעגן די טייוולשע שמד־שטיק פון ים שטעלט ער ארוים זיינע אייגענע „שפּיצלאַך״ און „שמד־שטיק״.

נאָר קריסטאָפער איז א גרוים און נאַאיוו קינד, און זיין סטראַטעגיק קעגן דעם ים איז פּאַטעטיש מיט איר הילפלאָזער נאַאיווקייט. זיין טאָכטער האָט ער אוועקגעשיקט. ער באַהאַלט זי אוים פון זיך און פון ים, און אליין גייט ער אויך ניט מער צום ים. ער ווערט אוים מאַטראָז, ער טרעט ארויף אויף דער יבשה און ווערט א דזשעניטאָר!

וויפיל קאָמיזם! פון א וויקינג — א הויף־ראַמער, פון די פרייע, שטאָלצע ווינטן פון ים — צו דער דושנעקייט פון א טענעמענט־קעלער...

דאָס איז ניט קיין טראַגיזם; דאָס איז הומאָר. אָבער מיט וויפיל מענטשלאכן צער דורכגעזאַפּט, מיט וויפיל הילפלאָזער קינדישקייט!... וויפיל נעענטער און ליבער עס ווערט אונז דער אלטער מאַטראָז, און וואָס קען נאָך שאַרפער און פיינלאכער אונטערשטרייכן זיין טראַגיזם, דעם פּאַטאָלן עלנט פון מענטשן קעגן דער נאַטור, זיין גראַנדיעזע איזאָלירטקייט צווישן אירע עלעמענטן...

געווים קאָן קיינער ניט מער געשיצט זיין קעגן ים ווי א דזשעניטאָר, אָבער דער מאַטראָז קאָן אין קעלער ניט פאַרבלייבן. ער דאַרף פרישע לופט. די לונגען, פון אייביק געוויינט צו פרייען, גרויסן אָטעמען, ווערן ביי אים קראַנק. ער מוז צוריקגיין אויפן וואַסער.

איז דאָס איינס פון דעם ים'ס טייוולשע שפּיצ־לאַך? אויב יאָ, ווייס קריסטאָפער פון אַ נייעם שפּיצל וואָס קען אריבערשפּיצלען דעם ים. ער וועט טאַקע גיין צוריק אויפן וואסער, אָבער ניט אויפן אמת'ן ים, ניט אויף אַן אמתער שיף. ער וועט איצט גיין אויף אַ באַרזשע, אַ קוילן־באַרזשע.

און דער זיג איבערן ים וועט נאָך אפילו זיין זי־סער; עס וועט זיין אַ מין רייצן־זיך: דאַכט זיך אַזוי נאָענט, כמעט אויפן ים, און דאָך — ניט צו דערלאַנ־גען... צו קורץ די הענט...

„דאָס איז ניט קיין אמת'ע מאַטראָזן־ארבעט, — פאַרזיכערט דער אַלטער מאַטראָז, — דאָס איז נאָר אַ באַרזשע, אַן אַלטע מולטער. ס'איז גראַדע ווי אַ שווי־מענדיק שטיקל לאַנד, מיט אַ הויז דערויף. די ארבעט אויף איר איז ניט קיין אמת'ע ארבעט. איך נעם ניט מער קיין אמת'ע ארבעט. איך נעם ניט מער קיין אר־בעט אויפן ים, ווען אפילו איך זאָל דאַרפן שטאַרבן"...

אויף דער פאַרם, צווישן די קרובים, האָט זיך דעם קינד שווער געלעבט, און צום סוף האָבן שלעכטע מענטשן אויסגענוצט איר אומבאַהאָלפנקייט און אומ־שולד און זי געקריוודעט. זי פּרובט זיך ראַנגלען, ווערט אַ קראַנקן־שוועסטער, אָבער עס העלפט איר גאָרניט, און נאָך גאָר אַ קינד ווערט זי אריינגעטריבן אין דער „עלטסטער פּראָפעסיע פון דער וועלט". איז דאָס גע־ווען איינס פון די שפּיצלאַך פון דעם טייוול־ים?

יעדנפאַלס, ווען דער ערשטער אַקט פון „אַנאַ קריסטי" עפנט זיך, זעען מיר ווי אַנאַ, אַ געפאַלענע, אַ

צעבראָכענע, קומט זוכן איר פאָטער אין א מאַטראָזן־שענקל ביים ברעג ים. דאָס איז דער איינציקער אַדרעס, וואָס זי האָט פון אים געהאַט. זי קומט צו אים מיט דער שיינער אילוזיע, אז ער איז, ווי ער האָט איר געשריבן, א דזשענטעלמאַר. זי איז קראַנק, קען ניט „אַרבעטן" און פאַרדינען, און זי האָפט אז זי וועט אין „זיין" הויז קריגן א שטילן צימער צו קאָנען זיך אויסרוען און קומען צו זיך. באַגעגענען זיך פאָטער און טאָכטער, וואָס האָבן זיך גאָרניט געקענט, נאָר געהאַט שיינע חלומות איינס פון אנדערן: זי האָט געטרוימט, אז ער איז א דזשענטעלמאַר, און ער, אז זי איז זיין כשר גליקלאַך קינד, וואָס די ערד ווי א געטרייע מאַמע האָט פאַר אים אויפגעהיט אין זיכערקייט און גאַנצקייט קעגן דעם ים, דעם בייזן שטיף־פאָטער. און ווען דער גליקלאַכער פאָטער נעמט מיט ציטעריקע הענט ארום זיין טאָכטער און ווייס ניט אז זיין חלום אין איר איז שוין לאַנג צערונען, איז עס א סצענע פון אמתער און גרויסער דראַמע, פול מיט שטילן און גראַנדיעזן פאַטאָס, פול מיט ווייכהאַרציקער איראָניע.

אייגנטלאַך האָט דער ים שוין דאָ גלייך אין אָנהויב געזיגט. ער האָט שוין זיין גרויזאַמע נקמה פון קריסטאָפער גענומען דערפאַר ווייל יענער האָט געזוכט זיין טאָכטער צו באַהאַלטן פון אים. אָבער ניט אין דעם גייט עס דעם ים. ער דאַרף ניט אַנא'ס אומשולד. ער דאַרף דעם מענטשן־מין. ער וועבט דאָס געוועב פון שיקזאַל ווייטער, און דער אינטערעס פון די איבעריקע דריי אקטן פון „אַנא קריסטי" באַשטייט אין דעם ווי

אזוי וועט דער ים אויספירן זיינס און צונעמען ביי קריסטאָפערן זיין טאָכטער פאר זיך.

און די זאַך גייט אוועק גיך און פעסט. כדי צו ברענגען זיין טאָכטער צוריק צום געזונט, נעמט זי קריסטאפער ארויף צו זיך אויף דער בארזשע, וואו די לופט איז פריש און די רו איז נים געשטערט. אבער די באַרזשע וועט נים פאָרן טיף אין ים אריין. דאָס איז קריסטאָפערס הייליקער באשלום, זיין שבועה. ער ווייס ווי פארעטעריש דער ים איז און פאַרפירעריש. ער וועט זיך און זיין טאָכטער אים מער נים פארטרויען. נאָר נים צו ווייט אין ים. זיין באַרזשע וועט טרייבן איר קליינעם האנדל נאָענט צום ברעג. קריסטי וועט זיין אנאַ'ן נים אָפּגעבן אַ קרבן צום טייוולשן ים.

זיצט אַנאַ אויף דער קוילן-באַרזשע און קוירט זיך. און שטילערהייט הויבט דער ים זיך אָן ארייגצו־גנבענען אין איר בלוט. זי זיצט שעהנווייז און זעט די שיינקייט פון דער זון אין גרינע וואַסער-קרישטאָלן, די פראַכט פון דער לבנה אויף פאַליעס ווי קאָנוואול־סיווע שלאַנגען מיט ווייסע צינגלאך. זי קוקט אַריין אין דער געהיימנים פון אן אַטלאַנטישער נאַכט, אין די אויגן פון גרויסן סוד פון אָקעאַן. און עס דערוועקט זיך אין איר א בענקשאַפט נאָך זיין ווייטן, אומבאקאנטן לעבן. זי קריגט ליב דעם ים, ווערט אריינגעצויגן אין זיין גוואַלטיקער רעאַליטעט, דערפילט זיך דערהויבן און געלייטערט אין זיין גרויסער אָנוועזנהייט. נים פרעמד און אָפּשרעקנדיק איז איר דער ים, נאָר נאָענט און אייגן. זי הערט זיין שטים, זי פילט אז עפּעס אין איר

ענטפערט אים אָפּ. דאָס שאַלט דער ים־עכאָ אין איר בלוט, א ירושה פון אור־דורות מאַטראָזן. זי פילט זיך אויפן וואסער אזוי ווי זי וואָלט צוריקגעקומען אהיים נאָך א לאַנגער רייזע אין מרחקים. זי שפּירט אפילו עפּעס א געטלאכקייט אין דעם ים.

מיט דעם חוש פון אן אלטן ים־הונט פילט קריס־טאָפער די איבערגעבורט וואָס קומט פאַר אין זיין טאָכ־טערס הארץ. א דערשראָקענער קוקט ער אויף איר און זעט צו דעם כשוף וואָס דער ים פארוועבט ארום איר נשמה. ער ווייס, אזוי הויבט דער ים אָן מיט אלעמען. „דאָס איז דער אלטער טייוול! — שרייט ער אויס אין פארצווייפלונג — ער איז ווייטער דאָ מיט זיינע שפּיצ־לאַך!"

קריסטאָפער שרייט, אבער דער ים איז שטיל ווי דער שיקזאל, און שטילערהייט שפּינט ער ווייטער זיין נעץ. ער ווייס אפילו ווי צו באַנוצן זיך מיט ליבע־שפּיצלאַך פאַר זיינע צוועקן. איינמאָל, אין א טומאן — אויך איינער פון דעם ימ׳ס שפּיצלאַך! — האָט אַנאַ מיט איר פאָטער דערהערט פון דער באַרזשע א געשריי נאָך הילף: א מאַטראָז פון א געזונקענער שיף האָט זיך קוים געראַטעוועט און זיך דערשלאָגן ביז צום באָרטן פון דער באַרזשע. קריסטאָפער שלעפּט אים ארויף אויף שטריק: און דער ים שפּייט פלוצלינג אריין אין אַנאַ׳ס באַרזשע א בראָנז־ברוינעם יונגן מאַטראָז, געזונט ווי פון א געזאָלצענעם ים־פעלז אויסגעהאַקט, א וואָרער נעפּטון. און אַנאַ און נעט בוירק באַגעגענען זיך. ווי צוויי נאַטור־קרעפטן שטויסן זיך צונויף אַנאַ און דער

מאַטראַז, ווי צוויי עלעמענטן וואָס רייסן אויף אין אַן עקספּלאָזיע, און דער אויפרייס איז — אַ ליבע. אַ מעכטיקע, אַ פאַרצערנדיקע. און דער פאַרליבטער נעפּטון נעמט שלעפּן זיין באַשערטע אין ים אריין. אומזיסט שטעלט זיך דער אלטער טאַטע אין וועג. אומזיסט וואַרענט ער זיין טאָכטער קעגן דעם טייוולשן ים, קעגן אַ מאַטראַז, וואָס האָט אַ מיידל אין יעדן האַפן און געפינט סוף־כל־סוף זיין טויט אין אָפענעם מויל פון ים. ניט קיין גוטע רייד, ניט קיין בייזע און אפילו ניט קיין קלעפּ העלפן דאָ. דער ים האָט זיין האנט ארויפגעלייגט אויף אַנאַן ווי דער פאָליציסט אויפן אקסל פון אַ מענטשן, וואָס ער וויל פארהאפטן, און זי מוז גיין. און זי גייט.

אָבער קריסטאָפער'ס בעכער מיט זאָלצוואַסער איז נאָך ניט פול, ביז וואַנען אנא דעקט אויף פאַר אים דעם ביטערן סוד פון איר פאַרגאַנגענהייט, און ווארפט די שולד — אַ שווערע משא אויף זיינע פּלייצעס. זיין טאָכטער — אַ פּראָסטיטוטקע? אַט אזוי האָט עס די מוטער־ערד אָפּגעהיט זיין קינד פאַר אים? דאָ אויך פאַראַט? אָדער איז דאָס אויך די האַנט פון ים, איינס פון זיינע בלוטיקע שפּיצלאך?

זיין טראַגעדיע איז פול, זיין גאַנצע וועלט קראַכט איבער זיין קאָפּ. ער איז געשלאָגן. דער ים האָט געזיגט. קריסטאָפער אָנערקענט זיין מפּלה און גיט זיך אונטער דעם פיינט. ער גייט צוריק צום ים. ער פאַרשרייבט זיך אויפסניי פאַר אַ מאַטראַז. אזוי איז דער ווילן פון ים. זיין ווילן זאָל געשען!

נאָר אָן אַ גרונט איז די רשעות פון ים און עס איז קיין גרעניץ ניטאָ צו זיין טאַלאַנט אויף שפּיצלאך און

צו־להכעיס־שטיק. אין לעצטן מאָמענט געפינט קרים־טאָפּער אויס, אז אויף דער „לאנדאנדערי“ מיט אים האָט זיך אויך פאַרשריבן דער בייזער שליח פון ים, דאָס לעצטע ווערקצייג פון זיין פאַרדארבונג, אנא׳ס שטן, נעט בוירק! ניט געגנוג וואָס דער ים האָט קרים־טאָפּערן אזוי טיף באַזיגט, לאָכט ער זיך נאָך שפּאָטיש אויס פון זיין קרבן! דער לעצטער עפּיזאָד פון „אנאַ קריסטי“ איז א גרויסער טייוולשער חוזק־געלעכטער פון ים און שיקזאל איבער דעם מענטשן.

אָניל׳ס ערשטע דראמען זיינען אלע איינאַקטערס. ער הויבט אָן מיט א קליינעם, לאַנגזאַמען טראָט און צווינגט זיך ניט צו דעם, וואָס ער האָט נאָך ניט. אבער וואָס ווייטער ווערט דער טראָט גרעסער און געזינטער. אָניל וויקלט זיך פונאנדער לאַנגזאַם ווי די קנאָספּ אין א בלאַט. נאָך די איינאַקטערס קומט „הינטערן האָרי־זאָנט“ און שפּעטער די פיל שטאַרקערע „אנאַ קריסטי“, געבויט אזוי לייכט, גראַציעז און ריטמיש ווי א הענגע־דיקער בריק. אָבער שוין אין דעם ציקל קליינע דראמען אַנטפּלעקט ער ניט נאָר גרויס טאַלאַנט צו פּאַבולירן, נאָר אויך די פייאיקייט דייטלאך מענטשן צו זען. זיינע מענטשן האָבן שאַרף־געשניטענע פיזיאָנאָמיעס. נאָר קיין גרויסע קונסט דערגרייכט ער נאָך אין זיי ניט. צו ווערן אמת־גרויסע שאַפונגען פעלט נאָך זיינע מענטשן רייכערער געדאנקלאַכער שטאָף, א הויך פון פילאָזאָפישקייט.

עס זיינען פאַראַן עטלאכע מענטשלאכע שכל׳ס: דער ערשטער — די אינטואיציע, דער העכסטער — די

חכמה. יעדער הויכע קונסט באַשטייט פֿון צוויי פֿון זיי: פֿון דעם נידעריקסטן און דעם העכסטן, פֿון אינ־טואיציע און חכמה. אַבער אַניל, אויף זיין ערשטער מדרגה, אַרבעט נאָר מיטן נידעריקסטן שכל. ער קען נאָר אינטואיטיוו דעם אינטואיטיוון מענטשן.

עס איז אָרים ווען קריסטאָפער, מיט דער גרוי־סער ים־דערפֿאַרונג וואָס ער פֿאַרמאָגט, אין זיין גוואַל־טיקן לעבנס־קאַמף מיט דעם ים, קען ניט מער ווי שריי־ען: „דער אַלטער טייוול־ים!" — און אַנאַ, אין דער טיפֿער איבערגעבורט וואָס זי גייט דורך אונטער דער ווירקונג פֿון ים קען אויך נאָר זאָגן עטלאכע פֿלאַכע, מיטלמעסיקע פֿראַזן ווי: „איך פֿיל זיך אַזוי ווי איך וואָלט זיך אויסגעבאָדן אין אַ וואַנע". אָדער „גלייך ווי איך וואָלט צוריק געקומען אַהיים נאָך אַ ווייטער נסיעה". געוויס, אַניל איז רעאַליסטיש און שילדערט רויע רעאַלע מענטשן פֿון ים; אַבער דער רוסישער רעאַליזם האָט באַוויזן ווי אַזוי מען קאָן שילדערן טאָג־טעגלאַכע מענ־טשן גלייך ווי זיי וואָלטן געווען „פֿילאָזאָפֿן", און זייער פּשוטע און גרונטאָווע פֿילאָזאָפֿישקייט נעמט זיי פֿונ־דעסטוועגן ניט אַרויס פֿון זייער רעאַלן לעבן. אַניל פֿילט אפֿשר די טיפֿערע פּסיכאָלאָגישע הינטערגרונטן פֿאַר זיינע מענטשן און זייערע איבערלעבונגען, אַבער אַרויס־הייבן זיי פֿון אויבן קען ער נאָך ניט. ער אַרבעט נאָך מיטן נידעריקסטן שכל אַליין און קען נאָר שילדערן ווי ער זעט זיי פֿון אויבן־אויף, פֿאַקטיש, קאָנקרעטע, דראַ־מאַטיש־ברוטאַלע, אַבער ער קען ניט אויסדריקן וואָס ער באַגרייפֿט אונטער זייער דרויסנדיקער פֿאַקטיש־

קייט. ער קען שוין זיינע „געשיכטן“ איינוויקלען אין זענער האלוציניערטער אטמאָספערע פון דיכטונג, וואָס מאַכט די ווירקלאַכקייט ווירקלאַכער און די וואָר וואָר־האַפטיקער, ער פאַרמאָגט עס אָבער נאָך ניט צו טאָן מיט זיינע מענטשן.

1.

„הינטערן האָריזאָנט“

דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין ים און פון ים האָט זיך עס געצויגן צו דער ערד.

אָניל׳ס מאַטראָזן זײַנען פול מיט יענעם אוראַלטן דראַנג פונם ים ארויס צו דער ערד. פון אַלע לירישע געפילן איז זיי נאָר געבליבן דער ווײ פון בענקשאַפט, פון בענקשאַפט צוריק אין שוים פון דער מוטער־ערד.

„עס איז א טײַוולש לעבן צו זײַן אויפן אײַנזאַמען ים ווען עס שטייט גאָרניט צווישן דיר און א קבר אין ים“ — באַקלאָגט זיך דריסקאָל אין דער „רײַזע צום מזרח קיין קאַרדיף“. — „עס מוז זײַן א גרויס גליק — ענט־פערט אים יענק — צו פאַרברענגען דאָס גאַנצע לעבן אויף דער יבשה און האָבן אן אייגן פעלד מיט א הויז, מיט קי, מיט שווײַנען, הינער, ווייט אין מיטן לאַנד וואו מ׳פילט קיינמאָל ניט דעם ריח פון ים און מ׳זעט קיינמאָל ניט קיין שיף“.—„אוים מיט ים, אוים מיט דער עקלהאַפטיקער שפּײַז, אוים מיט שטורעמווינטן!“ — חלומט אלסאַן אין „די לאַנגע נסיעה אהיים“ — „איך פאַר קיינמאָל מער ניט אויפן ים. איך האָב שוין געהאַט גענוג ים אויפן גאַנצן לעבן“. אזוי זײַנען כמעט אַלע אָניל׳ס מאַטראָזן. אזוי ווי קעץ האָבן זיי מורא פאַר וואַסער און שטרעבן נאָר צום ברעג כדי דאָרט, אין דער ערד, זיך ערגעץ פאַראַנקערן און פאַרוואָרצלען.

און אָניל פֿאַרלאָזט אויך דעם ים און זיינע ים־מענטשן און גייט צו דער ערד.

„הינטערן האָריזאָנט" איז אָניל׳ס ערשטע דראַמע פֿון דער ערד און פֿון מענטשלאַכן שיקזאַל אויף איר.

אין מיטן פֿון אָניל׳ס גאַלעריע פֿון פֿאַרהאַרטעוועטע, מוסקלדיקע, שטיינערנע מאַטראָזן און דעספּעראַדאָס, טרעט פֿלוצלינג ארויס, אין „הינטערן האָריזאָנט", א ווייכע, צאַרטע דיכטער־געשטאַלט. אַן אָנזאָג אויף אים איז שוין פֿאַראַן אין דער „לבנה אויף די קאַריבען", אין דעם מאַטראָז סמיטי, וואָס אונטער די קלאַנגען פֿון אומעטיקער מוזיק אין שטילן לבנה־ליכט באַפֿאַלן און שטיקן אים די אומעטיקע זכרונות פֿון א שווערן עבר. צווישן די מאַטראָזן איז סמיטי מיט זיין טרוימערישקייט א זייטיקער, א פֿרעמדער. פֿון דער נעפּלדיקער עמבריאָ־געשטאַלט פֿון סמיטי הויבט זיך איצט ארויס די פֿולע, אויסגעוואַקסענע געשטאַלט פֿון ראָבערט׳ן.

ראָבערט מאַיאָ איז א דיכטער־אינגל. ער געהער דער פּאָעזיע. דער גייסט פֿון דיכטונג איז אַדורכגעפֿלויגן איבער אים און אים אָפּגעשטעמפּלט פֿאַר זיך. שוין אויף זיין געזיכט איז אים געבליבן ליגן ווי אן אייביקער צייכן די חתימה פֿון גייסט: זיין שטערן איז הויך אזוי ווי ער וואָלט שטענדיק געטראַכט אין די וואָלקנס, זיינע אויגן זיינען גרויס און טונקל, אייביקשטויינענדיקע איבער דער טונקעלער געהיימענים פֿון דער וועלט. ער איז צאַרט און אויסגעאיידלט, און א מידע שוואכקייט ליגט אים ארום מויל און קין. זיין חבר איז

דאָס בוך, זיין צייט־פּאָרטרייט — פּאָעזיע, און הויבט ער אויף זיינע אויגן פון בוך, שטעלן זיי זיך ליבערשט פון אַלץ אָפּ, גארענדיק און פארבענקט, אויפן האָרי־זאָנט, אויף יענער פארכשופטער ליניע וואָס טיילט אָפּ דעם דאָרטן פון דעם דאנען, דאָס אומבאַקאַנטע פון דעם באַקאַנטן, דאָס ווייטע און פאַנטאַסטישע — פון דעם נאָענטן און פשוטן: וואָס ליגט דאָרט אויף יענער זייט האָריזאָנט? וואָס באהאַלט הינטער זיך יענע צויבער־ליניע וואָס איז אזוי נאָענט און דאָך אזוי אייביק ווייט?

דאָס איז דער טרוים פון יעדן דיכטער, און דאָס איז אויך געווען דער טרוים פון דעם יענקישן דיכטער־אינגל ראָבערט מאיא.

און אָט־דעם דיכטער־אינגל שטעלט אָניל פנים־אל־פנים מיט דער ערד.

ראָבערט מאיא איז געבאָרן אויף א פאַרם. זיין טאַטע־מאַמע און זיינע ברידער, און די שכנים ארום זיינען וואָרע קינדער פון דער ערד. ראָבערט צווישן זיי איז אַן אָדלער צווישן טשערעפּאַכעס. ער האָט ליב די וואָלקנס, ז י י — דעם שטויב פון דער ערד; אים ציט מיטן ווינט, זיי זיינען שווער און אומבאַוועגלאַך ווי בערג; ער הונגערט נאָך ליכט, זיי זיינען זאַט מיט „גוטער ריינער ערד“; אים רופן די סודות פון דער וועלט, זיי האַלט די ניכטערקייט און די פשטות פון דער חיה אין וואַלד. פאַר זיי אַלעמען איז ראָבערט נאָר א קראַנ־קער. אומזיסט מאַטערט ער זיך צו געבן זיין ברודער צו פארשטיין וואָס עס רופט און לאָקט אים אין דער ווייט ארוים — די שיינקייט פון דעם ווייטן און אומ־

באַקאַנטן, די מיסטישקייט און דער צויבער פון מזרח, די פרייקײט פון גרויסע, ברייטע שטרעקעס, די פרייד פון וואַנדערן אָן אַ ציל און אָן אַ זין. פאַר זיין ברודער אנדרון און די איבעריקע ארום אים איז עס נאַר א חולאת וואָס איז אים געבליבן פון א פּאָר קאַלעדזש־יאָרן און פון יענער מאָדנער משוגעת וואָס ער רופט פּאָעזיע.

גרויס איז די וועלט, אָבער אין אַניל׳ס קאָסמאָ־גאָניע זיינען דערוויל פאַראַן נאָר צוויי ערטער פארן מענטשן וואו זיך אהינצוטאָן: דער ים און די ערד. און ווען עס דאַרף באַשלאָסן ווערן דער שיקזאַל פון א מענטשן, פירן די צוויי קיניגרייכן א מלחמה צווישן זיך. אמאָל זיגט איינע, אמאָל די אַנדערע.

אַרום אַנאַ קריסטי האָבן געקעמפט ים און ערד, און דער ים האָט געזיגט; ארום ראָבערט מאַיאָ האָבן געקעמפט ערד און ים, און ערד האָט געזיגט. און ביידע דאַרפן זיי דעם מענטשן צו זיין פאַרדאַרבן.

עס האָט געפעלט א האָר אז ראָבערט זאָל געהערן דעם ים. אַלץ איז שוין געווען גרייט דערצו. ווען דאָס שפּיל הויבט זיך אָן געפינען מיר אויף די ברעטער פון דער בינע ראָבערטס אָנקל, א שיפס־קאַפּיטאַן. ער וויל מיטנעמען ראבערטן אויף א רייזע איבער די גרויסע ים׳ען פון דער וועלט. ראָבערט איז פול מיט פיבער פון רייזן ווי אַ וואַנדערפויגל אין דער וואַנדער־צייט. מאָרגן גייט שוין אָפּ די שיף. ער זעגנט זיך שוין אפילו מיט אלע־מען, און אויך מיט מיידל פון דער שכנישער פאַרם, מיט רוטה׳ן.

אלע האָבן שטענדיק געמיינט, און מיט אַלעמען אויך ראָבערט, אז רוטה וועט זיין די כלה פון זיין ברו־דער אנדרו. פּאַסן זיי זיך דען ניט איינס צום אנדערן? ביידע זיינען זיי אזוי געראָטן איינס אין אנדערן, ווייל ביידע זיינען זיי געראָטן אין דער ערד, זייער מוטער. אנדרו איז א געבאָרענער פעלד־מאַן און רוטה איז א געבאָרענע פעלד־פרוי.

ראָבערט און רוטה נעמען זיך געזעגענען און עס געשעט א וואונדער: זיי קוקן זיך אריין אין די אויגן און עס דוכט זיך זיי אַפּ אז זיי האָבן זיך ליב, אז זיי האָבן זיך די גאנצע צייט ליב געהאַט. אין רוטה איז די צאַרטע ווייבלאַכקייט נאָך ניט אינגאנצן פאַרשריגן דורך דער שטים פון דער ערד. ערגעץ־וואו פילט זי זיך דוקא געררייצט פון ראָבערטס פאָעזיע און פּאָעטישקייט. זי ווערט מיטגעריסן פון אים און ער פון איר. אין דיכ־טערישן לייכטזין באשליסט פּלוצלונג ראָבערט אז ער פאָרט ניט, אז אלע האָריזאָנטן זיינען צונויפגעצויגן אין דער ליבע, אלע געהיימעניסן אויפגעלייזט אין ווייב, און ער בלייבט מיט רוטה׳ן דאָ, אויף דער פאַרם, אויף דער ערד.

און אז ראָבערט בלייבט אויף דער ערד, פאַרנעמט אנדרו זיין אָרט אויפן שיף און גיט זיך אַפּ דעם ים.

גאַנץ אומגעריכט פאַר אלעמען, פאַר דער מאַיאָ פאַמיליע און פאַר דער פאַרם, האָט זיך דער שיקזאל א דריי געטאָן מיטן פּנים פאַרקערט. אנדרו דער אומ־דיכטערישער, דאָס גרויסע קינד אָן קינדישער פאַנטאַ־זיע, גייט אוועק אויף יענער זייט האָריזאָנט, און ראָ־בערט בלייבט מיט ווייב און ערד.

און ערד איז ווייב און ווייב איז ערד. און ביידע, ערד און ווייב, פֿאָדערן א באַלעבאָס. ביידע ווילן געאַקערט, געזייט און געשניטן זיין. ביידע ווילן מאַן, מוסקל, און ביידע פֿאַראַכטן גייסט. און עס הויבט זיך אָן א לאַנגזאַמער שטילער אונטערגאַנג פֿאַר ראָבערט׳ן. דאָס ווייב פֿאַרצאָגט אים, די ערד אָנט־זאָגט אים. די איינע טראָגט פֿון אים אוועק איר ליבע, די אַנדערע טראָגט אים אַנטקעגן שטיינער. זייט ער קאָרן וואַקסן דערנער, פֿלאַנצט ער ווייץ קומען שטעכ־לאַך. זיין היי קריגט רעגן ווען עס דאַרף זון, און זיינע קי גיבן „עפּלקוואַס אַנשטאָט מילך.“ זיין אַקעראייזן פֿאַלט פֿונאַנדער אין סאַמע ברען פֿון דער אַרבעט.

א קללה האָט זיך אויף דער ערד געלייגט זינט ראָ־בערט האָט אַרויפֿגעלייגט זיינע הענט אויף איר. און די ערד בענקט צוריק נאָך אַנדרו׳ן און מיט דער ערד הויבט רוטה אויך אָן צו בענקען נאָך אַנדרו׳ן. „איך האָס דיך! איך האָס דעם פּרצוף דיינעם,—שרייט רוטה צו ראָבערט׳ן — א ווען איך וואָלט נאָר געוועזן וויסן! ווען איך וואָלט נאָר ניט געוועזן זיין אַזוי נאַריש און זיך ניט צוגעהערט צו דיין ביליקער, נאַרישער, פּאָעטישער פּלאַפּלעריי, וואָלט איך זיך גיכער געוועזן א מיתה אָנ־טאָן איידער חתונה האָבן מיט דיר! גיי, גיי און זיי דיר א טרעמפּ ווי דו האָסט עס שטענדיק געוואָלט. איך קען אויסקומען אָן דיר, וואָס אַרט דיך, און פֿאַרגעס ניט, אַנדרו קומט צוריק! ער וועט שוין אַלץ באַזאָרגן ווי עס באַדאַרף צו זיין! ער וועט דיר ווייזן וואָס א מאַן איז! איך דאַרף דיך ניט, אַנדרו קומט! אים האָב איך ליב! אים האָב איך שטענדיק ליב געהאַט!“

אזוי רעדט צו ראָבערט'ן זיין ווייב, אבער מיט איר צונג רעט צו אים אזוי אויך די ערד. און צווישן ערד און ווייב הויבט ראבערט אָן ביסלאכווייז צו דעגענע־רירן. זיין דיכטערישער גייסט ווערט טריפנדיקע סענ־טימענטאלישקייט, גייט אריבער אין איבער־סענסי־טיווקייט, קרענקלאכקייט, אין נעווראסטענישן געמיט. ראָבערט איז אליין און עלנט, עלנט ווי דער פויסט אויף וועלכן עס שלאָפט אן אָרעמער קאָפ. פרעמד זיינען אים די מענטשן, פרעמד די נאַטור ארום, ביז ער ברעכט צו־זאַמען אונטער דער אנגעזאמלטער איינזאמקייט און בענקשאפט.

און אנדרו קומט, און אנדרו גייט, מאַכט גליקן און פאַרלירט זיי, מאכט זיי ווידער און פארלירט זיי ווידער, און קומט אלץ צוריק אהיים, און קומט ווידער, אן אוים־געשפילטער. און ווען ער איז דאָ צוריק צום לעצטן מאָל איז שוין ראָבערט אן אויפגעפרעסענער פון שווינד־זוכט, די פאַרם איז אויך אויפגעפרעסן פון שווינדזוכט, דאָס קינד איז געשטאָרבן, די עלטרן פאַרדאָרבן. ראָ־בערט פארמאָגט נאָר נאָך געגוג לעבן אין זיך איבער־צולאָזן אנדרון א צוואה, אז ווען ער, ראָבערט, וועט שטארבן זאָל אנדרו מאכן רוטה'ן פאר זיין ווייב און זיך פאר'קנס'ן צו דער פאַרם, און געבן דער ערד וואָס איר קומט, כדי די מענטשן זאָלן קענען געדייען אויף איר, געבן איר ארבעט, נים קיין בענקשאַפט, מוסקל, נים קיין גייסט. אנדרו זאָגט אים צו; ראָבערט שטארבט אין האלוצינאציעס פון ברייטע ווייטן, פון זונאויפגאַנג און זונפאַרגאַנג דאָרט „הינטערן האָריזאָנט". אויסגע־

שפיגן, פאַרשטויסן פון דער ערד און פאַראַכט פון דער ווייב, איז ראָבערט אוועק פון דער וועלט, און דער ערד־גייסט האָט זיך ניט באַרואיקט ביז ראָבערט איז מער ניט געווען. אַנדרו, דאָס קינד פון פעלד, איז געקומען אויף זיין פּלאַץ און דאָס גלייכגעוויכט צווישן ערד און מענטש האָט זיך צוריק איינגעשטעלט אויף דער פאָרם פון די מאַיאָס.

„הינטערן האָריזאָנט“ איז, אַלס דראַמע, געוויס ניט קיין גרויסער אויפטו. עס איז אַ מאַטע זאַך, געשריבן מיט אַן אומזיכערער האַנט. עס איז אַ דראַמע פון האַמ־לעט־געמיט, פון טשעכאָווישער ווייכקייט. זי דערמאָנט אַן אַ בלייכן טאָג, אָן אַ מיידל מיט בלויע ליפּן, אָן דעם וויאַלן קעפּל פון אַן אָפּגעפליקט בלימל. דער לעצטער אַקט איז ווי אין אַ לויה־שוואַרצקייט איינגעוויקלט. זי פאַרמאָגט ניט קיין דראַמאַטישע מוזיק. עס שפּירט זיך ניט אין איר, ניט די דראַמאַטישע ענערגיע וואָס אָניל אַנטוויקלט שפּעטער, ניט די דראַמאַטישע דערפינדע־רישקייט וואָס ער האָט שוין באַוויזן פריער. פאַרן אונ־טערגאַנג פון זיין העלד געפינט ער ניט קיין בעסער מיטל ווי די באַנאַלע שווינדזוכט פון דער סאָציאַלער דראַמע פון רעאַליזם. אָבער מיר געפינען דאָ אַ נייעם מענטשן ביי אים, אַ נייעם מענטשן אוועקגעשטעלט אין אַ נייער סביבה און אין אַ נייער שייכות צו דער וועלט. עס איז ניט מער דער רויער, האַרטער מאַטראָז אין קאַמף מיטן ים, נאָר אַ צאַרטער, ווייכער יונגלינג, אַ טרוימער, אַ דיכטער, אין קאַמף מיט דער ערד. ער איז אָניל׳ס ערשטער קאָמפּליצירטער, צוזאַמענגעזעצ־

טער מענטש, כאָטש ער איז נאָך ניט פּייאיק אויף די־
נעם, ראַפינירטן אַנאַליז. ער איז א דיכטער כאָטש אַניל
פאַרמאָגט נאָך ניט צו געבן אים א דיכטערישן וועלט־
בילד. מיט ראָבערטן הויבט זיך אָן צו קריסטאַליזירן
אין אַניל׳ס ווערק דער דואַליזם פון דער מענטשלאַכער
פערזענלאַכקייט, דער צוויי־שפּאַלט פון מאַטעריע און
גייסט אין אים, די טראַגעדיע פון אייביקער שפּאַנונג
צווישן ערד און הימל אין דעם מענטשלאַכן הארצן.

„הינטערן האָריזאָנט“ איז אַן אינדיווידועלע טראַ־
געדיע, אָבער זי איז אין אמתן אַן אמעריקאַנער טראַ־
געדיע. כאָטש זי איז ניט היסטאָריש, דאָך האָט זי א
היסטאָרישע באַדייטונג. זי וואַרפט א העל ליכט אויף
צוריק אין דער אמעריקאַנער פאַרגאַנגענהייט, אויף
יענע דורות וואָס זיינען געקומען אהער איינצונעמען
דעם אמעריקאַנער באָדן. עס זיינען געווען געווים דיכ־
טער און טרוימער צווישן זיי, אבער דער אמעריקאַנער
באָדן איז געווען הארט און טרוקן און האָט געפאָדערט
פיזישע, ניט קיין דיכטערישע כחות. און די דיכטער
זיינען אומגעקומען, אויסגעשפּיגן געוואָרן, און האָבן
ניט איבערלאָזן קיין ווירקונג הינטער זיך אין דער
אמעריקאַנער ווירקלאַכקייט, וואָס איז דעריבער געבליבן
טרוקן און אומדיכטעריש, אומבאַזונגען און אומבאַ־
חלום׳ט. „הינטערן האָריזאָנט“ איז ניט נאָר א דיכ־
טערס פילאָזאָפיע פון ערד, נאָר א פילאָזאָפיע פון אמע־
ריקאַנער געשיכטע.

אנדערן מענטשן־שטאָף ווי ראָבערט האָט די נייע
אמעריקאַנער ערד געפאָדערט און ווען זי האָט זיי גע־

קראָגן האָט זי זיי ניט אויסגעשפּיגן ווי ראָבערט׳ן, נאָר האָט זיי איבערגעשמאָלצן אין איר אייגענער געשטאַלט. די דאָזיקע געשטאַלט מאָלט אונז אָניל אין זיין צווייטער ערד־דראַמע: „די תאווה אונטער בוימער".

2.

„תאוה אונטער בוימער“

„הינטערן האָריזאָנט“ איז א דראַמע פון דעם מענטשן אויף דער ערד. „די תאוה אונטער בוימער“ איז די טראַגעדיע פון דער ערד אין דעם מענטשן. „די תאוה אונטער בוימער“ איז א מין המשך פון דער טעמע וואָס אָניל האָט אָנגעהויבן אין „הינטערן האָריזאָנט“, א המשך און אויך א סוף. ראָבערט, די דיכטעריש נאַטור, האָט ניט געקענט ניט באפרייען־זיך און ניט אונטערגעבן־זיך דער ערד, ניט שיידן־זיך און ניט באהעפטן־זיך מיט איר. אָבער אנדרו איז א געראָטן קינד פון דער מאַמע־ערד, איר ליבלינג. ראבערט׳ן שפּייט זי אויס, אנדרו׳ן טוליעט זי צו צו זיך. ראָבערט איז אונטערגעגאנגען, אבער אנדרו? וואָס ווערט פון אים ווערן? „די תאוה אונטער בוימער“ איז א טיפער ענטפער אויף דער פראגע. דער טיפער און שרעקלעכער זין פון דער דראַמע איז אויסגעדריקט אין דעם סימבאָל פון צוויי אולעם־בוימער, וואָס שטייען דורכן גאַנצן שפּיל אריבערגעבויגן, שווער, אייביק און פאַטאַל, איבערן קליינעם הייזל פון עטלאכע מענטשלאכע באַוואוינער. „זיי שטייען און באַשיצן, אבער אין דערזעלבער צייט דריקן זיי מיט זייער שווערקייט“. זייערע בלעטער־קרוינען הענגען אראָפּ איבער דעם הייזל און זיינע שכנים, ווי די בריסט פון א מוטער, איבערגעבויגן

איבער איר קינד. עס איז אבער א בייזע מוטער, וואָס שפּייזט אירע קינדער און עסט זיי, זויגט זיי אָן און זויגט זיי איין. זי האָדעוועט זיי אבער זי וויל זיי, איי־פּערזיכטיק, פאַר זיך אליין. די בריסט פון די בוימער רוען און פוילן אויפן שינדל־דאַך פון דעם הייזל, און זייער שווערע רו און שאַרף פוילעניש דרינגען אריין דורך דער הויט פון די מענטשן אין דעם הייזל ביז די מענטשן ווערן אזוי רוי און שליימיק ווי זיי. די צוויי בוימער זיינען דער סימבאָל פון די צוויי הענט מיט די טויזנט־מאָל־טויזנט פינגער, מיט וועלכע די מוטער־ערד נעמט ארום איר מענטשן־קינד און וועבט אים איין אין זיך און ציט אים ארונטער מיט איר גראַוויטאציע.

און די ערד, ווי אַניל זעט זי, איז אזוי ווי דער ים פול מיט א גרויסן, עלעמענטישן עגאָיזם. יעדער זעמדעלע אין איר וויל זיין אָרט און טרעט אים ניט אָפּ זיין חבר. יעדער גרעזל אויף איר איז א פיינט צום אנדערן גרעזל, וואָס וויל אויך זיין חלק זון פון אויבן און זיין חלק זאַפט פון אונטן. און וואָרצל ראַנגלט זיך מיט וואָרצל, און צווייג איז אייביק פארפלאָכטן אין ברודער־קאַמף מיט צווייג. אייביקער קאַמף און איי־ביקע שנאה פילן אָן די ערד.

און אזוי איז עס אויך מיט אירע קינדער: קאבאט, איבען, אבי, סיימאן און פעטער, די פינף איינוואוינער פון דעם קליינעם הייזל אויף א פאַרם אין ניו ענגלאנד. קאבאט איז דער אלטער טאַטע, אבי איז זיין יונגע דריטע ווייב, איבען, סיימאן און פעטער — זיינע דריי זין. זיי זיינען אלע אמתע קינדער פון דער ערד. זיי

זיינען ניט דערצויגן פון קולטור נאָר פון רעגן, שניי, ווינט און שטיין. זיי זיינען דומפּ־געוואקסענע שטיקער לעבן, אויסשניטן פון דער נאַטור, פאַרהאַלצט, שטיי־ניק. זיי זיינען צוריקגעפירט אזוי וויט צוריק צו זייער ערדישן שורש, ווי די פאַנטאַזיע קען נאָר גיין.

און איין ליידנשאפט איבער אלע פילט זיי אָן, דער עלעמענטישער עגאָאיזם פון דער ערד, דער טעמפּער דראַנג, מיט וועלכן זייער גאַנצע וועלט ארום איז אנ־געפילט, דער דראַנג צו זיין און וואַקסן און זיך פאַר־וואָרצלען. און אזוי ווי בלעטל שלאָגט זיך מיט בלעטל פאר א פלאַץ אויפן שפּיץ פון צווייג, און גרעזל מיט גרעזל פאַר אן אָרט פון אונטערן פעלז ארוים, אזוי שלאָ־גן זיך די מענטשן אין דער דאָזיקער דראמע פאר דעם באַזיץ פון דער ערד, וואָס זיי טרעטן אויף איר, פארן אייגנס פון דער פאַרם, וואָס זיי באַארבעטן.

דער קאַמף פאר דער פאַרם האָט זיך אנגעהויבן נאָך לאנג איידער די שיקזאַלן אין דער דראַמע וויקלען זיך פונאנדער פאר אונזערע אויגן. דער אלטער קאַבאַט האָט געשונדן אינדיאנער קעפּ פאר איר, און איז אפילו איינמאָל אליין געלאָפן מיט אן אינדיאנישער פייל ארייג־געיאָגט אין זיין רוקן. דעמאָלט, אין יענער צייט פון דער גרויסער ערד־צעטיילונג און ערד־פאַרכאַפּונג אין דעם גרויסן אמעריקאנישן לאַנד, האָט עס קאַבאַט זיך באַזעצט אויפן שטייניקן באָדן. עס איז געווען האַרט און שווער. מענטשן מיט ווייכע קנאָכן האָבן אים אויס־געלאַכט און אָפּגערעדט פון דער שטייניקער ערד. זיי האָבן אים געראטן צו ווייכער, זאַפטער ערד, וואו מען

דאָרף נאָר פאַרזייען און דאַן זיך אַוועקזעצן רויכערן די ליולקע און זיך רואיק צוקוקן ווי עס וואַקסט פון זיך אַליין. אָבער קאַבאַט איז געווען אַ האַרט־קנאַקיקער, אַן אייזן־מוסקלדיקער און האָט פיינט געהאַט די ווייכקייט. ער איז געווען דער אמתער שטאָף פאַר דעם אַמעריקאַנישן מענטשן־ מין. דווקא דאָס שווערע און האַרטע האָט אים געצויגן. אַ באַדן ווי ניי־ענגלאַנד האָט געדאַרפט אַ מענטשן ווי קאַבאַט. שטיין האָט גערופן צו שטיין. און קאַבאַט איז אַוועק נאָכן רוף. וואָרום דער קול פון שטיין איז פאַר אים געווען דער קול פון גאָט. גאָט איז האַרט, גאָט איז שטיין, האָט ער געטראַכט. און קאַבאַט איז געקומען צום פעלזיקן ניי־ענגלאַנד און האָט איינגעזייט זיין בלוט און די טעג פון זיינע זיבעציק יאָר אין דער פאַרם. און ער איז אַליין געוואָרן איינער פון אירע שטיינער, איר ווינקל־שטיין. און ווען ער האָט זיך גענומען פרויען און געבוירן קינדער מיט זיי, האָט ער קאַלט און גרויזאַם און אָן אויפהער זיי געהאַמערט אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיי אויך פאַרוואַנדלט אין שטיינער פון דער פאַרם. און „די תאווה אונטער בוימער" איז די שרעקלאַכע טראַגעדיע פון שטיינערנע מענטשן, וואָס שטויסן זיך צוזאַמען מיט אַ האַרטקייט און עקשנות ביז עס שלאָגט פייער פון זיי, און דאַן קוילערן זיי זיך אַראָפּ אין אָפּגרונט פון זייערע ליידנשאַפטן מיטן טרוקענעם, דומפּן קראַכן פון פעלזן, וואָס ים און געוויטער האָבן אויפגעריסן אין שטיקער.

דער עלעמענטישער עגאָיזם פון דער ערד איז די קראַפט, וואָס יאָגט דורכן בלוט פון די דאָזיקע מענטשן,

און אין די מענטשלאכע גלידער איז עס געוואָרן — גייציקייט, גייציקייט מיט איר אויסשטראַלונג — האַס. די גייציקייט און האַס האָבן זיך ביי זיי אין כאַראַקטער אויסגעשמידט. אויסער גייציקייט פאַר זיך און האַס פאַר יענעם, ווייל יענער איז גייציק פאַר זיך, איז אין די מענטשן גאָרנישט ניטאָ. זיי זיינען איינער פאַרן אנדערן נאָר יאָזשן מיט אייביק אָנגעשטעלטע נאָדלען. יעדער הערל אויף זיי איז א שפּיציק צוועקל, שפּיציק פוןביידע עקן — איינס פאַר זיך, איינס פאַר יענעם. זיי זיינען פאָטער, קינדער, ברידער, מאַן און ווייב, אָבער נאָר אין לייב, ניט אין געפיל און ניט אין באַגריף, גראַדע ווי די חיות, מיט וועלכע זיי לעבן. וואָרום זיי אַליין זיינען ניט מער ווי העכער אנטוויקלטע חיות, ניט געלייטערט, אָן א פונק פון מענטשנטום. זיי לעבן חיה׳ש, פון דעם בלוט ארויס, און אפילו דער מענטשלאַכער געלעכטער איז זיי פרעמד. זיי לאַכן, זאָגט אָניל, ווי עס בילן הינט. עפּעס הערט זיך אַמאָל פון זייער מויל דאָס וואָרט זינד, גאָט, נביא,—אָן אָנצוהערעניש אויף גייסטיקייט, אבער דאָס ביסל גייסט אין זיי איז נאָר ווי א נאכהענגענדיקער גליד, וואָס איז געוואָרן אומנוציג אין דער עוואָלוציע פון דורות. זינד, גאָט, נביא — די ווערטער האָבן גאָר עפּעס אן אנדער זין אויף יענער ניי־ענגלענדער פאַרם, זיי זיינען עפּעס אזוי ווי שלא מן הישוב. קיין שום געדאנקען, נאָר לוסט. מ׳לעבט דאָ אינגאנצן אונטער דער הערשאפט פון פרימיטיוון פאַרלאַנג. בלויז איין וואָרט פאַרמאָגן זיי אויף אויסצודריקן א מענטשלאכע שייכות צו דער נאַטור — "Perty" — שיין. אבער פילן די נאַטור, פילן זיי אין אמת׳ן ווי די חיות. ווען עס ווערט

איינג און היים צווישן די מענטשן, גייט מען ארוים אין דרויסן, ווי דער קראַנקער שטעקט ארויס זיין קעפּל פון לאָך, מען ציט אריין אַן אָטעם פרייען ווינט און עס ווערט גרינגער. ווען די לופט אין דעם אומהיימלאכן הויז ווערט שוין צו איבערגעפילט מיט שנאה און בלוט־זינד און מען קען ניט שלאָפן, גייט מען אין שייער אריין צו די בהמה׳ס און מען לערנט זיך פון זיי שלאָפן. ווארום מענטש און מענטש דאָ זיינען בלוטיקע שונאים, אָבער צווישן מענטש און בהמה זיינען אלע שראנקען פאַר־שוואונדן.

אַט אזוי לעבן פאָטער און דריי זין אינאיינעם, טעמפּ ווי חיה, האַרט ווי שטיין. ביז עס טרעט־אויף אויף דער סצענע די דעמאַניע פון געשלעכט, די פרוי, די וואָלפיכע, און עס צינדט זיך אָן א בראַנד און זיי ווערן אלע פאַרצערט. חיה פארצוקט חיה, שטיין צע־רייבט שטיין אין הייסן, ברענענדיקן שטויב.

ווען דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף איבער דעם מעכטיקן שפּיל, איז די לופט פול מיטן טשאַד פון שוועב־על, פעך און גיפט וואָס שלאָגט פון די הערצער פון דריי זין. זיי שפּריצן מיט שנאה איינס קעגן אנדערן און אלע אינאיינעם קעגן דעם אלטן פאָטער. פאַרוואָס לעבט ער אזוי לאַנג? ווי לאַנג נאָך וועט זיין האַנט ליגן אויף זייער פעלד און וואלד, פערד און קו? ווען וועט מען אים שוין אמאָל ירשענען? און ווער וועט אים ירשענען? „איך"! שרייט איבען, דער האלבער ברודער פון אן אנדער מאַמע, און פיבערט פון נקמה־דאָרשט צום טאטן דערפאר, וואָס ער האָט פאַרפייניקט זיין מאַמע.

די עלטערע צוויי ברידער, גערעכטן איינס אין אנ־דערן ווי צוויי קעלבער, זיינען אַלט און מיד געוואָרן ווארטנדיק אויפן טאַטנס טויט. זיי האָבן ביידע ניט חתונה געהאט; זיי האָבן ניט געהאט קיין רשות פון טאַטן און קיין צייט פון ארבעט. און זיי טרעטן ענדלאך אָפּ פון דעם ניט־גלייכן קאמף מיט דער שטאַרער גע־שטאַלט פון דעם אַלטן, פעלזיקן פאָטער. זיי זיינען טעמפּע אָקסן, אָבער זיי קענען טראכטן פון גאָלד, און זיי ווילן צוזאמען מיט אנדערע גיין קיין קאַליפאָרניע, דאָרט זיך צו פּאַשען אין פעלדער פון גאָלד. און דער יונגער האלב־ברודער קויפט ביי זיי אוים זייערע חלקים. דער אלטער טאַטע האָט דורך לאַנגע גייציקע יאָרן, בסוד פון דער ווייב, אנגעקליבן א הורבע רענדלאַך. אָבער דער אינגסטער זון, איבען, האָט געקראָגן פון זיין מוטער בירושה דעם סוד, וואו דאָס געלט איז באַ־האלטן: דער מאן האָט פון ווייב גע׳גנב׳עט דאָס שפּאָרן, דאָס ווייב האָט ביים מאן גע׳גנב׳עט דעם סוד, און דער זון האָט ביים פאָטער גע׳גנב׳עט דעם אוצר. מיט אָט דעם אוצר קויפט ער ביי די שטיף־ברידער זייערע צוויי חלקים פּאָרם. דאָס ניט־כשרע שטיקל געשעפט ווערט געמאַכט, א געשעפט פון קנאה־שנאה צווישן פאָטערס הונגעריקן האָבן און די קינדערס אומגעדולדיקן וואַרטן אויפן גרויסן טאָג פון ירשענען. אָט אזוי מסתמא האָסט דער קאָרן זיין שכן, דעם ווייץ, אין פעלד, דער דעמב — די סאָסנע, דער דאָרן — די בלום; אזוי לעבט געווים דער אלטער לייב צווישן די יונגע, דער בופעלאָקס צווי־שען זיינע קינדער.

סיימאן און פעטער גייען אוועק פונקט אין דעם מאָמענט, ווען קאבאט קומט צוריק אהיים. אָבער ער קומט צוריק מיט א דריט ווייב. זיי גייען ניט אוועק ביז זיי האָבן אויסגעשפּיגן זייער גאַנצע שוואַרצע שנאה דעם אַלטן פאָטער און דער נייער מוטער אין פּנים אריין. און ווען זיי גייען אַראָפּ פון דער סצענע בלייבט דאָס שפּיל צווישן די דריי, קאבאט, אבי און איבען: א לייב, אן אָדלער און א שלאַנג. ווארום אבי, דאָס יונגע ווייב, צוויי מאָל אינגער פון איר מאַן, נאָך וואָס איז זי געקומען? ניט קיין ליבע צום אלטן מאַן, און אודאי ניט קיין לייבלאכע ציענייש האָט איר אהער געבראכט. זי איז אויך געקומען נאָך האָב, נאָך פאַרמעגן, נאָך דער פאַרם. א הונגעריקע גייציקייט טרייבט זי אהער. „א ווייב דאַרף א היים", „ס'איז מיין הויז, מיין פאַרם" — דאָס איז די דעקלאַראַציע מיט וועלכער זי שטעלט ארויף איר פוס אויף דער שטיינערנער, מיט גייץ און שנאה אָנגעזאָפּטער ערד. „ניין, ס'איז מיינס", — בורטשעט דער אלטער קאבאָט. „ניין, מיין!" — ברומט דער יונ-גער איבען. מיין, מיין, מיין — דאָס איז דער גרויסער און שרעקלאכער כאָר־געזאַנג אויף דער פאַרם אין ניי-ענגלאַנד.

און ניט נאָר פון דער ערד אונטן וואָלט יעדער איי-נער פון זיי געוואָלט מאַכן א פאַרם פאר זיך, נאָר אויך פון דעם הימל אויבן, ניט נאָר פאר דער־וועלט, נאר אויך פאר יענער וועלט. „איך וואָלט וועלן האָבן אן אייגן פלאַץ דאָרט אויבן", — זאָגט קאבאָט. און — „ווען איך וואָלט געקאָנט מיטנעמען מיין פאַרם אין קבר

אריין, — זאָגט ער ווייטער, — וואָלט איך עס געטאָן, גאָט איז מיין עדות.“ אָדער — „ווען איך וואָלט גע־קאָנט, וואָלט איך, אין דער שעה פון מיין גסיסה, זי אונ־טערגעצונדן און צוגעקוקט ווי זי ברענט, דאָס הויז, און יעדער זאנגעלע קאָרן, און יעדער בוים, ביזן לעצטן הייעלע. איך וואָלט געזעסן און געוואוסט אז אלץ שטאַרבט אינאיינעם מיט מיר און עס וועט קיינמאָל צו קיינעם ניט געהערן דאָס וואָס איז געווען מיינס“.

און ווען ער דערפילט ווי די עלטער קריכט אים אין לייב ווי דער קאַלטער פאָדים פון א דינער שלאַנג, און ער בענקט נאָך א בן־זקונים, איז עס ניט פון ליב־שאַפט צו א ניי קינד, נאָר פון שנאה צו די איצטיקע קינדער. ער וויל א נייעם זון כדי ער זאָל האָבן וועמען אָפּצוזאָגן די פאַרם, זי זאָל ניט אָנקומען איבענען אדער סיימאָנען און פעטערן. „איך דאַרף א זון, — זאָגט ער, — ווייל דורך אים געהער אלץ צו מיר, ווען אפילו איך ליג זעקס פוס אין דער טיף. איך און די פאַרם דאַרפן באַשאַפן א זון.“

אזוי רעדט קאַבאָט צו זיין נייער ווייב, וואָס אויך זי איז געקומען אהער ניט מער ווי נאָך א הויז, א היים, א פאַרם, נאָך באַזיץ.

אָבער אינאיינעם מיט איר תאווה נאָך האָב און באַזיץ האָט אבי מיטגעבראכט אין זיך דאָס אייביק־ווייבלאכע. און ביי איר ערשטן קוק אויפן מעכטיק־יונגן איבען גיט דאָס געשלעכט א רעד אין איר ווי דאָס ראָלן אין האלז פון א גערייצטן הונט. פון דעם דאָזיקן

מאָמענט אָן ברענען די צוויי לײדנשאַפטן אין דער דראַ־
מע ווי צוויי וועלפישע אויגן אין שוואַרצער נאַכט.

וועלפיש גאַרט אבי נאָך קאַבאַט׳ס פּאַרם; וועלפיש
גלוסט זי נאָך איבענ׳ס לייב. און מיט דער טיפער
חריפות, וואָס ליגט אין אינסטינקט, וויל זי דורך איין
תאווה דערלאַנגען די צווייטע. און עס פאַרוועבט זיך א
דראַמאַטישע סיטואַציע וואָס האָט ווייניק גלייכע צו
זיך אין דער ליטעראַטור: זי וויל באַזיצן די פּאַרם;
איבען איז דער יורש; מוז זי געבערן א קינד; אָבער
קאַבאַט איז צו אַלט; מוז זי געבערן דאָס קינד פון אַן
אַנדערן און איינריידן דעם אַלטן אז דאָס איז זיין קינד.
דער אַנדערער מוז זיין איבען, ווייל צו אים גלוסט איר
לייב. און ווען זי שוין האָבן א קינד פון איבענען, מוז
זי איבענען פאַרמיאוס׳ן ביים אלטן כדי ער זאָל אים
אויסלאָזן פון דער ירושה און מאַכן איר אייגן קינד
פאַרן יורש. און אזוי האָבן מיר דאָ אַן עטלאַכע מאָל
פאַרפלאָנטערטן געוועב פון מאָטיוון און לײדנשאַפטן:
די תאווה פון באַזיץ, די גלוסטונג פון לייב צו לייב, די
זינד פון אָפּנאַרן דעם פאָטער דורך זיין זון, און די זינד
פון באַשווינדלען דעם געליבטן דורך זיין אייגן קינד:
א פּוטיפרע, א פעדרא, א פאַנדאַרא, א מידאַס און טייוול
אינאיינעם.

און אָבי הויבט אָן באַלאַנגערן איבענען און זי באַ־
לאַגערט אים טעג און חדשים מיטן משאַד פון איר לייב,
ביז ער פאַלט, ווי עס פאַלט א באַלאַגערטע פעסטונג.
איבען נעמט זי, ער נעמט זי צווישן שוואַרצן האַס צו
איר און רויטער נקמה צום פאָטער, נקמה פאַר זיין מאַ־

מעם קורצע יאָר, פאַרן טאַטנס לאַנגע יאָר, און פאַר זיינע אייגענע פאַרפינסטערטע יאָר. און ווען דער יונג האָט זיך איינגעפלאַכטן אין האלב-יונגן לייב פון זיין אלטן פאָטער׳ס ווייב איז געוואָרן א ווייסטער דריי־עק: א ליבע צווישן ווינטער, הערבסט און פרילינג.

און עס פּאַסירט און אבי געבערט פון דעם זון א קינד דעם טאַטן. און ווען עס עפנט זיך איר טראכט, עפנט זיך, אין דעם דרייעק אויף דער פאַרם, א קראַטער, א קראַטער פון מאוים׳דיקע ליידנשאפטן, פון זינלאָזער ליבע און זינלאָזן האַס, מיט פלאַמען וואָס שרייען ביז צו די וואָלקן. דאָס לעבן ברויזט אויף אין ווילדע דיסאָ־נאַנסן. דער יונגער איבען, וואָס איז אייביק געלעגן צו־נויפגעדריקט אין פאָטערס פויסט, ווען ער פילט זיך פאַרן פאָטער אויפן פאָטערס פלאַץ, ווערט אָנגעשוואָלן מיט א פינסטערן שטאָלץ און איז גרויזאַם ווי נאָר יוגנט קען זיין קעגן עלטער. אזוי קעמפט א יונגער אָקס מיט אן אלטן פאַר באַזיץ פון ווייב. און יוגנט געווינט. אָבער קאבאָט, קיניג ליר און אָקס אינאיינעם, טרעט נים אזוי לייכט אָפּ. אין א געשלעג מיטן יונגן איבען באווייזט ער אז ער איז נאָך האַר אין זיין וועלט. אבער ווי טראגיש איז זיין זיג ווען ער ווייס נים אז כאָטש ער איז נאָך האַר אויף זיין פעלד איז ער אבער מער נים קיין האַר אין זיין בעט. און נאָך טראגישער איז זיין טאַנץ ביים יום-טוב פון „זיין" קינדס געבורט. געסט זיינען דאָ. זיי ווייסן דעם סוד און לאַכן מיט פאַר־שטיקטן חוזק איבערן אלטן אפגענאַרטן נאַר. און קאַ־באַט, וואָס ווייס אלץ מיט א גרויסן אָבער שטומען וויסן,

פילט זייער באַהאַלטענעם שפּאַט, און כדי זיי צו „אי־בערצייגן“ אין זיין גבורה לאָזט ער זיך אוועק אין א טאַנץ, אין א ווילדן, משוגענעם טאַנץ, און מאַטערט אוים א העלפּט פון די געסט. קיין מער טראַגישער טאַנץ איז דאַכט זיך נאָך קיינמאָל ניט געטאַנצט געוואָרן אויף די ברעטער פון א בינע. עס איז א ווימטער, פינסטערער געווירבל, וואו די עלטער יאָגט זיך צו כאַפּן איר יוגנט, אבער אומזיסט, אזוי ווי דער שאָטן וואָס יאָגט נאָך די ליכטיקייט און קען זי נאָר פאַרלעשן אבער ניט פאַרהאַלטן.

נאָך טומלדיקער און אימה׳דיקער ווערט דער כאַאָס אין אבי׳ס נשמה. זי איז געגאַנגען נאָך א קינד צו אי־בענען כדי צו קריגן די פאַרם, אָבער דאָ באַפאַלט זי איר אייגענע נאַטור ווי א גזלן אין וואַלד און פאַרצוקט זי. זי האָט מיט לאָגיק מאַנעווורירט אירע תאוות כדי צו דערגרייכן איר צוועק — די פאַרם. אָבער די תאוות האָבן זייער אייגענע לאָגיק. שטאַרקער ווי די תאוה צו דער פאַרם האָט זיך ארויסגעוויזן די תאוה צו קינד און שטאַרקער ווי זיי ביידע — די תאוה צו איבען. זים איז ערד, זים איז קינד, זיסער אָבער פון אלע איז איר־מאַן. ווען איבען שטויסט זיך אָן אז זי האָט ביי אים מיט פאַלשע רייד און בלוט־זינד אויסגענאַרט א קינד, כדי טאַקע פון אים אליין אויסצושווינדלען די פאַרם, צינדט זיך א העלישער פייער אָן אין אים וואָס סטראַשעט אלץ און אלעמען צו פאַרצערן. נאָר כדי צו באווייזן איר אמת׳ע ליבע, דערשטיקט אבי איר אייגן קינד. מו־טער־און־ווייב־אינסטינקט האָבן געקעמפט, און ווייב האָט געזיגט: ניט פאַרם, ניט קינד, נאָר דו, איבען,

הייסט עס. עס איז שוין אָבער צו שפּעט: די פעלזן האָבן אָנגעהויבן, ברעקלענדיק און קראַכנדיק, צו ראָלן באַרג אַראָפּ, און קיין זאַך וועט זיי מער ניט אָפּשטעלן. איבען אליין גייט דערציילן דער פּאָליציי אַז א מאָרד איז געשען: דאָס פּאָטער־געפיל שפּרינגט אויף אין אים געגן דער מערדערין פון זיין זון, אין אים וואָס איז אליין אַזאַ זינדיקער זון געווען. אבער ער ווערט דאָך גערירט פון דעם שרעקלאכן קרבן וואָס אַבי האָט גע־בראַכט צו באַווייזן איר אמת׳ע ליבשאפט צו אים. און דאָ, אין דעם מאָמענט, קריגט ער זי צום ערשטן מאָל ליב: א ליבע אין א פייערדיקן קראַטער. און ווען ער און זי נעמען זיך פאר די הענט און גייעןביידע אָפּ צו דער טויטלאכער גערעכטיקייט, פאַרציט זיך איבער דער שוואַרצער טראַגעדיע פון תאווה און בלוט דער ראָזער שיין פון ליבע, ווי אויף א ביינאַכטיקן הימל דער אָפּשיין פון א ווייטער שרפה.

און דער קיניג ליר פון ניי־ענגלאַנד בלייבט שטיין אליין, מעכטיק און טראַגיש, ווי א פּיראַמידע אין דער וויסטעניש.

קאַבאָט איז דער סימבאָל פון דער ערד־ווירקלאַכ־קייט. ער איז איינגעבאָרענע ערד־קראַפט. ער איז א מענטשלאכער בוים, ארויסגעוואַקסן פון די אָדערן פון דער ערד. זיין קערפּער — שוואַרצער דעמב, זיין האַרץ א סוק. און רעדט ער איז יעדער וואָרט א קולאַק. אין אים פייערט די נאַטור איר העכסטן טריאומף. און אַי־בען און אַבי זיינען ניט א מאַן און א פרוי, נאָר — אדם און חוה. וואָרום ערדיק, גראַזיק און שטייניק איז די דאָ־

זיקע גאנצע דראמע פון בלוטיקער תאווה און פארפינס־טערטן זין. עס איז א דראמע פון מענטשלאכן ערד־שיקזאל, אן אפשפיגלונג פון דער נידעריקער וועלט אין דער מענטשלאכער און איז פול מיט מורא און פאראכ־טונג צו די בלינדע און נידעריקע קרעפטן פון דער נא־טור.

„די תאווה אונטער בוימער" איז נאָר א פארטיפונג פון דעם מאָטיוו וואָס אָניל האָט אויפגענומען אין „היג־טערן האָריזאָנט", דעם מאָטיוו פון דער ערד און דעם מענטשנס לעבן אויף איר. איןביידע האָט ער געוויזן ווי אזוי די ערד איז א פיינט פון דעם מענטשלאכסטן אין דעם מענטשן: אין „הינטערן האָריזאָנט" האָט ראָ־בערט צופיל גייסט און צו־ווייניק מוסקל, פילט ער אויף זיך די פאראכטונג פון דער ערד, וועלכע ווישט אים צום סוף אינגאַנצן אָפּ פון זיך. אין „די תאווה אונטער בוימער" זיינען די מענטשן קנאָכיקע און קענען אוים־שטיין די הארטקייט פון דער ערד, גיט זי זיי איר שפע, דערפאַר אבער זויגט זי אוים דאס מענטשלאכע פון זייערע ביינער, זי טוט זיי אוים נאקעט פון דער מיס־טעריע פון דער מענטשלאכער נשמה און לאָזט זיי אי־בער הוילן, זינלאָזן אינסטינקט. אין אזא וועלט וואקסט אויף א מענטשהייט וואָס איז ניט עכט, געבונדן אין דער שרעקלאכער גרויזאמקייט פון לייב. די נאַטור פאַר־גוואַלטיקט דעם מענטשן און צווינגט אים אריין אין איר מאכט וואָס איז אומגייסטיק, אומגעטלאך.

און, ווי אין „הינטערן האָריזאָנט", האָבן מיר אויך דאָ אן עכאָ פון דער אמעריקאנער געשיכטע און א פּי־

לאָזאָפּיע פון דעם כאַראַקטער פון א פאָלק וואָס האָט געדאַרפט איינגעמען און באזעצן א קאָנטינענט. דער אלטער קאַבאָט איז דער עכטער טיפּ אמעריקאנער וואָס האָט באצוואונגען די אמעריקאנישע ערד, ער איז די גבורה וואָס האָט אויסגעראָט דעם אינדיאנער און דעם בופעלאָקס. אין דער דאָזיקער געשטאַלט רוט דער גייסט פון אן עפּאָכע. ער און די זייניקע—אלע זיינען זיי קינדער פון אן אכזרישער צייט. „די תאוה אונטער בוימער" איז א גרוים פּעסימיסטיש ווערק, פול מיטן פּעסימיזם פון א קאָנטינענט וואָס האָט איינגעשפאנט די מענטשהייט אין יאָך פון פאַרכאַפונג און ארבעט. „יעדער איינער פאר זיך — און זאָל דער טייוול נעמען דעם הינטערגעבליבענעם" — איז א ווידערקול אין דער אמעריקאנער געשיכטע, און דער דאָזיקער ווידערקול איז אויך דער דראַמאַטישער מאָטיוו פון „די תאוה אונטער בוימער". אין דעם געשריי פון די ברידער: „צו קאַליפאָרניא, צו קאליפאָרניא!" הערט זיך נאָך דער עכאָ פון דעם „פּראָנטיר"; און דער געשריי פון יעדן איינעם פון זיי: „מיינס! מיינס!" איז דער געשריי פון דער ווילדערניש אין אמעריקאנישן לעבן.

אין דעם זין איז „די תאוה אונטער בוימער' אן אמעריקאנישע טראגעדיע, אן עכט נאַציאָנאַל-אמעריקאניש ווערק. אָבער ווי אין יעדן גרויסן קונסטווערק לייזן זיך די נאַציאָנאַלע ליניעס אויף אין אלגעמיין-מענטשלאכע. „די תאוה אונטער בוימער" איז א גרויסע אלגעמיין-מענטשלאכע דראַמע פון ערד און בלוט און גאָלד. האַרטע, שוואַרצע ערד, קאַלט, גלאַנציק גאָלד

און בלוט וואָס איז ניט געוויינט געוואָרן דורך מענטש־לאַכן מילך — דאָס זיינען די דריי שטאָפן, געקאָכט אין קלעפּיקע, שליימיקע ליידנשאַפטן, פון וועלכע אַניל׳ס דראַמע איז געמאַכט.

און כאָטש די מענטשן אין „תאווה אונטער בוימער" זיינען געמאַכט פון ערד, דאָך זיינען זיי דורכזיכטיק ווי גלאָז. א שיין פון קלאַסישער קונסט איז געפאַלן אויפן ווערק. דאָס ווערק פאַרמאָגט די גראַנדיעזקייט און די לויטערע שיינקייט פון דער קלאַסישער דראַמע, און די שטרענגע קראַפט און שווערן מוט פון אן עגיפּטישן מאָנומענט. מע קען פון קאַבאַטן אנדערש ניט דענקען ווי פון אן עגיפּטישער, פעלזיקער קיניג־סטאַטוע: אזוי טונקל, אזוי מעכטיק, אזוי אייביק. און דאָס גאנצע ווערק איז מעכטיק און אייביק מיט דער אייביקייט און מעכטיקייט פון אן אור־טעמע. אָניל האָט אין איר מיט נאַקעטע פינגער אנגערירט דאָס נאקעטע לייב פון לעבן און איז אריינגעדרונגען אין די לעצטע אינטימלאַכקייטן פון בלוט. און דאָס לעבן איז הארט און דאָס בלוט היים. „די תאווה אונטער בוימער" איז א בוך פול מיט פלאַם, מיט פלאַם וואָס ברענט שטיין, און ווען די שטיינערנע מענטשן פון „די תאווה אונטער בוימער" פאַרענדיקן זייער שיקזאַל, בלייבט הינטער זיי נאָר הייסער, גליאיקער זשאַר.

הימל

1.

„גרויסער גאָט בראַון“

דער „גרויסער גאָט בראַון“ שטייט אין צענטער פון אָנילס ווערק. די דאָזיקע דראַמע שטעלט פאָר דעם איבערברוך פון זיין שאַפן. דאָ ענדיקן זיך די וועגן, וואָס ער איז געגאַנגען אין זיינע פריערדיקע ווערק, און פון דאַנען צעשטראַלן זיך די וועגן, וואָס פירן צו זיינע שפּעטעריקע ווערק. א האָגל מיט פּראָבלעמען באַפאַלן פּלוצלינג אָניל׳ן אויף דער איצטיקער מדרגה פון זיין אנטוויקלונג, פּראָבלעמען טעכנישע, סצענישע, דיכטע־ריש־פילאָזאָפישע. ביז איצט האָט אָניל באַהאַנדלט סיי דעם מענטשן סיי די סצענע ווי סטאַטישע מאַטעריע. ער האָט זיי ביידע אָנגענומען ווי זיי זעען אויס פאַרן רעאַליסטישן אויג. דער מענטש איז פאַר אים געווען א וועזן מיט געציילטע, איין־פלאַכיקע אינסטינקטן; די בינע א פלאַך שפּילברעט; אויפן שפּילברעט ווערן די אינסטינקטן אויסגעשטעלט אין אלערליי מעגלאַכע קאָמ־בינאַציעס, — דער גרויסער טורניר, וואָס הייסט דאָס מענטשלאַכע לעבן. און דאָס איז דראַמע.

אָבער אין „גרויסן גאָט בראַון“ לאָזט אָניל זיך אראָפּ טיפער. ער דערפילט פּלוצלינג אז די מענטשלא־כע אינסטינקטן זיינען ניט איינפאַך נאָר קאָמפּליצירט און זיינען פּייאיק נאָך ווייטער פאַרוויקלט און פאַר־

טיפט צו ווערן, אַד אינפיניטום. און דער עיקר: ניט אזוי אין דעם דורכזיכטיקן געפלעכט פון די אינסטינקטן און געפילן ווי אין זייער טונקעלן פּלאָנטער ליגט דער אמת־ער דראמאטישער זין פון לעבן.

ניט די אינסטינקטן אין זייער אור־רויער פאָרם פאַרכאַפּן איצט דעם דראַמאַטורג, נאָר זייער אויס־שטראַל. און דער אויסשטראַל פון די אינסטינקטן, דער אָפּגלאַנץ, וואָס שלאָגט פון זיי ארויס, פון אייביקער רייבונג איינס אָן אנדערן און אלע בײנאַנד אָן דער שאַ־לאַכץ פון דער ערד, איז — גייסט. די מאַניפעסטאַציעס פון גייסט, זיין רייסן־זיך פון די אונטערשטע אָפּגרונטן צו די ליכטיקע רוימען, זיינע וועלט־ארומנעמענדיקע זוכענישן, זיינע אײדעלע אָבער שאַרפע פיינען — דאָס איז די נייע וויזיע, וואָס גיט א בליץ־אויף פאַר אַנילס אויג. און ווי א וואנדערער וואָס גייט נאָך א מיראַזש אזוי לאָזט זיך אָניל דאַרשטיק אוועק צו פאנגען די ליכ־טיקע וויזיע. נאָך ים און נאָך ערד טרעט ער אריין אין זיין דריטן רייך, אין דעם הימלישן רייך פון גייסט.

די מענטשן פון ים און די מענטשן פון דער ערד, ווי אָניל האָט זיי געזען, זיינען אָן גייסט אָדער זיי ווערן אנטגייסטיקט. ווי דיאָניסוס פון דער לעגענדע אזוי ווערן זיי איינגעדרייט און פאַרפלאָכטן אין די צווייגן פון וויינשטאָק, אין די שטעכלאָך פון דאָרן, און וואַקסן אריין אין דער נאַטור וואָס האָט ניט קיין אויג און קיין געהער און וועבט נאָר שטומערהייט איר מעכטיקע עק־זיסטענץ. און אָניל גייט זוכן אנדערע מענטשן אויף אַנדערע געביטן. ער גייט אין שטאָט אריין, ווארום די

שטאָט איז די געבערערן פון גייסט. און דאָ נעמט ער, פאר זיינע נייע העלדן, די בויער פון דער שטאָט, דעם אַרכיטעקט בילי בראון און זיין חבר און העלפער דיאָן אנטאָני.

זיין ביז איצטיקן רעאַליזם האָט אָניל, אין „גרויסן גאָט בראון", פארביטן אויף סימבאָלישער מעטאדיק, און די נעמען אליין פון די העלדן זאָגן שוין אן זייער באדייט. בראון איז ברוין; ברוין איז גאָלד. און בילי בראון איז דער גאָלד-מענטש און שטעלט פאָר דעם גאָלד-גייסט, דאָס הייסט נאָכאַמאָל דעם גייסט פון די קאַבאָטס, פון קאפיטאן קיני און קאפיטאן בארטלעט, דעם גייסט פון האָב, די תאוה צו באַזיץ ווי דאס העכס-טע גליק פון לעבן. און „דיאן אנטאָני" איז אויך סימ-באָליש. „דיאָן" באטייט דיאָניסוס און אנטאָני הייסט דער הייליקער אנטאָניוס. אין דיאָן אנטאָני'ס הארצן, ווי אָניל האָט אליין דערקלערט, דארף זיך אָפּשפּילן דער גוואַלטיקער קאמף צווישן די פּסיכאָלאָגיעס פון צוויי וועלט-פילאָזאָפיעס, פון די פילאָזאָפיעס וואָס זיי-נען פארטראָטן אין היידנטום און קריסטענטום. דיאָני-סוס איז היידנטום, וואָס נעמט אָן דאָס לעבן אין פּאָזיטיוון זינען, אנטאָניוס איז קריסטענטום, וואָס פארלייקנט די לעבנספריידיקייט. און היידנטום, וויל אָניל האָבן, איז שעפעריש, אָבער קריסטענטום פארניכטעט די שעפע-רישקייט. בילי בראון דארף פאָרשטעלן די גוטע קריסט-לאכקייט, דיאן די שעפערישקייט.

די דראַמע שפּילט זיך אָפּ צווישן די צוויי. און דער אויסגאַנג פון דער דראמע איז אז דיאן, וואָס הויבט אָן

מיט א נאַטירלאַכן עגאָ, מיט אַן עגאָ, וואָס איז דיאָניסוס און פּאַן, ווערט צוליב דעם אומנאַטירלאַכן דרוק פון קריסטענטום א מעפיסטאָפעל, פאר וועלכן דאָס לעבן ווערט א לאַסט און א חוזק, און ער גייט אונטער אין טויט און שלעפּט אויך מיט צום אונטערגאַנג דאָס לעבן פון בילי בראַון, דעם גרויסן גאָט פון אונזער צייט.

פון דיאָניסוס, דורך סאַנקט אַנטאָניוס, צום שטן— דאָס איז דאָס פילאָזאָפיש-דיכטערישע פּראָבלעם, וואָס אָניל האָט זיך פאַרגעבן אין „גרויסן גאָט בראַון". א דאָסטאָיעווסקי-פּראָבלעם. אָבער אָניל, געטראָגן פון יונגער קינסטלער-קראַפט, האָט אזוי ווי בכיון די אויפ־גאַבע פאר זיך נאָך גרעסער און שווערער געמאַכט דורך נייע טעכניש-דראַמאַטישע פּראָבלעמען. ער האָט גע־וואָלט דאָס שפּיל פון די דריי כאַראַקטערן אין דיאַנען, און אויך די איבערגאַנגען אין די אנדערע כאַראַקטערן, שילדערן, ניט אין דער ריכטונג פון א גראַדער ליניע, ד. ה. ווי איין כאַראַקטער גייט, לאַנגזאַם אָדער קאַ־טאַסטראָפיש, אריבער אין דעם צווייטן, און דער צוויי־טער אין דעם דריטן; ער האָט געוואָלט די אלע דריי כאַראַקטערן שילדערן אינאיינעם, אויפאמאָל, עטלאַכע פּסיכאָלאָגיעס אין שטענדיקן צווישנשפּיל אויף איין האַרצן. און דערויף איז אים זיין פריערדיקע בינע ענג געוואָרן. וואָרום ווי אזוי זאָל א דרייפאַך קאָמפּליציר־טער כאַראַקטער פאַרגעשטעלט ווערן אויף א בינע, וואָס איז געשטעלט אויפן פּרינציפּ פון א גלאַטן שפּיל־ברעט, אויפן פּרינציפּ פון א געאָמעטרישער אויבער־פלאַך?

אין דער ניט־רעאַליסטישער דראַמע איז נאָך אַזאַ זאַך ווי־עס־איז מעגלאַך געווען. אין דער אַלט־קלאַסי־שער דראַמע איז געווען, ערשטנס, דער כאָר, וואָס פלעגט אויסשפּרעכן דעם אינווייניקסטן אָדער ארומיקן זין פון א סיטואַציע, און צווייטנס, דער איין־געשפּרעך. אין דער שפּעטערדיקער דראַמע, דערהויפּט אין דער ראָמאַנטישער, איז געווען דער איין־געשפּרעך און דער „אַפּאַרט", וואָס די פּערזאָנען פלעגן דורך זיי ארויס־זאָגן וואָס איז געשטאַנען הינטער די האַנדלונגען אדער איז געלעגן פאַרבאָרגן אין זייער טיף. אָבער אין דער רעאַליסטישער דראַמע, ווי זאָל עס געמאַכט ווערן?

און אזוי איז געשען, אז דאָס כאַראַקטער־פּראָבלעם און „גרויסן גאָט בראַון" האָט אויך ארויסגערוקט א סצעניש־טעכנישן פּראָבלעם. און אָניל האָט דאָס דאָ־זיקע פּראָבלעם געפּרובט לייזן דורך דער מאַסקע. אָניל האָט דערפילט אז עס איז אין לעבן פאַראַן עפּעס וואָס איז איבערן לעבן און אונטער אים, אז עס זיינען פאַראַן לעבנס אין לעבנס, און כדי צו ברענגען מיט אמאָל עט־לאַכע ווירקלאַכקייטן אין זיין ווערק, דעם דאָ און דעם דאָרטן, דעם אונטן און דעם אויבן, האָט ער אנגענומען דאָס פּרימיטיווע מיטל פון דער מאַסקע. פאַר יעדן כאַ־ראַקטער און פאַר יעדער שטימונג א באַזונדער מאַסקע. און בשעת אין הארצן פון העלד ראַנגלען זיך די כאַראַק־טערן און עס בייטן זיך די שטימונגען, אביעקטיוויזירט ער זיי דערמיט, וואָס ער האַלט אין איין אָנטאָן און אויסטאָן זיינע מאַסקעס.

מיטן מאַסקן־שפּיל האָט אָניל אין „גרויסן גאָט בראַון" געגעבן א דראַמע פון „ריינעם טעאַטער", אָבער

אויך דאָ האָט ער מחדש געווען. „ריין טעאַטער" האָט ניט ליב קיין אידייען, אבער דער „גרויסער גאָט בראַון" איז אין גלייכער צייט פורער טעאַטער און א דראַמע וואָס ברענגט דאָס הויכע דענקען אויף דער בינע.

אזוי פיל פראָבלעמען האָט זיך אָניל פארגעבן אין דער דאָזיקער דראַמע אז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיי ווי א הירש מיט זיינע הערנער אין די געדיכטע צווייגן פון וואלד.

ווי אינטערעסאַנט די דראַמע איז ניט סיי מיט איר פּראָבלעמאַטיק סיי מיט איר עקספּערימענטאַציע, קיין וועלט-דראַמע צווישן דער נשמה פון פּאַן און דער נשמה פון אסקעט, ווי אָניל האָט זיך פירגענומען, איז זי ניט. דער אינטעלעקטועלער כח און די קינסטלערישע וויזיאָנערישקייט וואָס ליגן אין איר, בלייבן ווייט הינטער דער גרויס פון דעם פּראָבלעם. ארויסגעקומען איז אין אמתן א דראַמע וועגן דעם קאָנפליקט צווישן קינסטלער און בירגער. און אפילו נאָך וויניקער ווי דאָס: עס האַנדלט זיך דאָ נאָר אין דעם ספּעציפישן אמעריקאַנישן קינסטלער, וואָס קעמפט פאר די עלעמענטארסטע רעכט פון קינסטלער-עקזיסטענץ, און אין דעם ספּעציפיש-אמעריקאנישן בירגער, וואָס מיט זיין איינזייטיקייט און גייסטיקער בלינדקייט, שטעלט ער פאָר עפּיס אן אומ-היימלאַכע ראָסע מענטשן מיט איין אויג אין קאָפּ.

וואָס דערציילט די דראַמע?

אָניל פירט ארויס פאר אונז צוויי יונגע לעבנס, בילי בראַון און דיאָן אַנטאָני, כדי אויפצעוויקלען פאר

אונז צוויי אמעריקאנישע שיקזאלן. ער פירט זיי אונז ארוים פונקט ביים מאָמענט, ווען זיי ענדיקן די שול און דארפן פּלאַנעווען זייער ווייטערדיקע צוקונפט. ער ווייזט אונז אויך דעם באָדן, וואו עס שטעקן זייערע וואָרצל און וואָס האָט באַשטימט זייער כאַראַקטער. עס באַווייזן זיך אויף דער בינע בילי און זיין טאַטע-מאַמע, דערנאָך דיאָן מיט ז י י ן טאַטע-מאַמע. די טאַטעס פון די צוויי העלדן זיינען ביידע שותּפים אין אַ בוי-פירמע. שוין אין זייער שטייגער אויפטרעטן אויף דער בינע וויל אָניל מיר זאָלן כאַפּן אן איינבליק אין זייער לעבן. בילי גייט מיט זיינע עלטערן האַנט-אין-האַנט, אַקסל-צו-אַקסל. דאָס זאָל הייסן: בילי איז אַ „גוט" קינד, געהאָרכיק, דיסציפּלינירט, געצאַמט, דאָס הייסט — „נאָרמאַל", קליינבירגערלאַך. דיאָנ׳ס אויפטריט איז אנדערש. ער גייט הינטער טאַטע-מאַמע, ער גייט אליין, ווי אַ פרעמדער, ער איז נערוועז, אין שטענדיקער אומרו. ער איז בכלל אנדערש. ער וואַגט צו קומען אויפן שול-באַל ניט אין פאָרמעלער קליידונג, נאָר אָנגעטאָן וואויל-יונגעריש, אין שמוציקע פלאַנעלענע הויזן מיט אַ צעכראַסטעטן האַלז. ער פּאַטשט, הייסט עס, דעם עפנטלאכן געשמאַק אין די באַקן. אבער ער וואגט עס נאָך ניט צו טאָן צו אָפן, און ער טראָגט אויפן פּנים אַ מאַסקע. די מאַסקע דריקט אוים חוזק, חוצפּה, דעם סענסואַליזם פון אַ יונגן פּאָן. אָבער הינטער דער מאַסקע באַהאַלט זיך אַ צאַרט, ציטעריק, פאַרגייסטיקט, פּאָעטיש געזיכט. דאָס איז דער דרוק פון זיין פאָטער און פון דער סביבה, וואָס צווינגט אים צום דאָזיקן טאָפּעלטן לעבן, צו אַ פאַרגוואַלטיקונג פון זיין אינעווייניק-

סטער נאַטור. ווארום דער פאַטער איז פּראָסט, באַ־ שרייַנקט, געלט־גייציק און הערשעריש, און ווען ער מאַכט פּלענער פאר דעם זונס צוקונפט האָט ער אין זי־ נען אן „אמעריקאנישע" קאַריערע, א קאַריערע פון „סוקסעס", פון א סך געלט. דיאָן איז ניט געראָטן אין זיין פאָטער. מיט זיין ווייכער, קינסטלערישער נאַטור איז ער געראָטן אין זיין מוטער.

בילים מוטער איז א גייסטיקע קאָפּיע פון דיאָנס פאָטער און איז אויך ווי ער הערשעריש, טרוקן, פּראקטיש, געלט־גייציק. אָבער בילים פאָטער דערמאָנט מיט זיין נאַטור דעם יונגן דיאָן: א קינסטלער־נאַטור, וואָס איז געבליבן נידעריק ביי דער ערד, ווייל אירע פליגל זיינען אָפּגעשאָרן געוואָרן. דער שערער איז געווען זיין שותף, דיאָנס פאָטער. ביילים פאָטער איז געווען גע־ שאפן פאר געפליגלטער ארבעט און קינסטלערישער ארכיטעקטור, אָבער דיאָנס פאָטער האָט אים ארונטער־ גערדריקט צו דער געמיינער ארבעט פון לייגן טראָטואַרן און ציען רינשטאָק־רערן אונטער דער ערד. בילי אבער איז געראָטן אין דער הארטער, פּראַקטישער מוטער, ניט אין דעם ווייכן טרוימערישן פאָטער.

די פיר עלטערע מענטשן און די צוויי יונגע ווערן דאָ אין זייער שיקזאל אויסגעשטעלט אין א געאָמעטרי־ שער פיגור, אין א מין פּאַראַלעלאָגראַם מיט דיאַגאָנאַלע ליניעס: איין העלד איז געראָטן אין דעם אנדערנס מוטער, דער צווייטער אין דעם ערשטנס פאָטער. אי־ בערגעפלאָכטענע שיקזאלן. דעם קינסטלערישן ווערט דערפון פאר דער גאנצער דראַמע איז שווער צו זען.

אָבער אין דעם עפּילאָג ווערט דאָך אנגעשלאָגן די טעמע פון דער דראַמע. ווארום צווישן דיאָן און בילי וועט זיך אָפּשפּילן דיזעלבע טראַגעדיע וואָס צווישן זייערע פאָטערס: בילי וועט טאָן מיט דיאָנען דאָס, וואָס דיאָנס פאָטער האָט געטאָן מיט בילים פאָטער.

די שפּאַנונג פון שיקזאַלן צווישן דיאָן און בילי האָט זיך אָנגעהויבן א סך פריער ווי די דראַמע הויבט זיך אָן. איינמאָל, נאָך אין די קינדערשע יאָרן, איז דיאָן געזעסן ביים ים און האָט מיט קינדערש-פּאָעטישער פאַנטאַזיע געקריצט א בילד אין זאַמד. אן אָנזאָג אויפן צוקונפ־טיקן קינסטלער. זיין בעסטער חבר האָט עס צוגעזען און אים אין הארצן מקנא געווען. פון קליינלאכער קנאה האָט ער מיט די פיס פאַרווישט דאָס בילד אין זאַמד און דיאָנען אליין נאָך געגעבן א קלאַפּ איבערן קאָפּ. דער חבר איז געווען בילי בראון: שוין דעמאָלט, הייסט עס, האָט זיך אויפגעהויבן דער פויסט איבער גייסט, פּראַקטקייט איבער דיכטערישקייט. ווארום די שנאה איז אן אייביקע, אפשר אן אינסטינקטיווע. נאָר יענער אומרעכט פון זיין חבר האָט צעבראָכן דאָס בילד פון גאָט אין דיאָנס קינדעריש הארץ. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעריסן דיאָנס באציאונג צו דער וועלט. ער האָט זיך פארשלאָסן אין זיך, האָט פאַרשטעקט זיין אמתן „איך" טיף ביי זיך אין הארצן, און פאר דער וועלט האָט ער אָנגעטאָן א מאַסקע.

נאָר די אמתע דראמע הויבט זיך אָן אויף יענער שטעל אין דעם עפּילאָג, וואו דער איבעריקער באַלאַסט פון די עלטערן גייט אראָפּ פון דער בינע און עס קומען

ארויף די דריי הויפּט־פּערזאָנען, דיאַן, בילי און מאַר־גאַרעט, א ווייך, צאַרט, ליריש, כאָטש באַנאַל מיידל, וואָס ביידע יונגען זיינען אין איר פארליבט. אין דעם קאָנקורענץ־שפּיל ארום מארגארעטס ליבע נעמט זיך אויפוויקלען דער פּאַטאַלער קאַמף צווישן בילי און דיאַן, וואָס איז דער קאַמף צווישן צוויי גאַנץ באַזונדערע נאַ־טורן און צוויי גאנץ באזונדערע באציאונגען צום לעבן. בילי דערקלערט מארגארעטן זיין ליבע אין דעם טרוקע־נעם סטיל פון א מענטשן אָן זאַפט אין הארצן און אָן פאַנטאַזיע אין קאָפּ. מארגארעט הערט צו זיין ליבע־פּזמון, אבער בשעת מעשה טרוימט זי גאָר פון דיאַנען. בילי טרעט אָפּ א געשלאָגענער, און דיאַן קומט אָן. ער רופט צו איר פארליבט, זי רופט צו אים פארליבט. און ווען זיי טרעפן זיך, ווערט א מין שאַך־שפּיל פון די מאַסקעס אויף זייערע פּנימער: זי אין איר מאַסקע שטויסט אָפּ אים אָן דער מאַסקע; ער, אָן דער מאַסקע, שמאַכט נאָך איר אין דער מאַסקע. ווען זי טוט אויס די מאַסקע ווערט ער קיל און ציניש צו איר; אבער זי אָן דער מאַסקע פאַלט צו צו אים, ווען ער איז אין דער מאַס־קע. אזוי שפּילט זיך אָפּ א קאָמפּליצירטער שאַך־טורניר פון מאַסקן. דעם דיכטערס ציל איז דורך די מאַסקעס צו לאָזן פילן דאָס טראגיש־צעשפּאָלטענע לעבן פון די מענטשן, א לעבן, וואָס איז איינגעמארינירט אין קאָנ־ווענציעס, וואָס מיטן אויבערשטן הייטל קוקט עס ארויס צו דער ליכטיקער שיין, נאָר טיפער, אינעווייניק, פליסט עס טונקל און מוטנע דורך די אָדערן, ווי געהיימע שווארצע וואַסערן אין פאַרבאָרגענע שפּאַלטן אונטער דער ערד. אָבער אונטער אלע מאַסקן רעדט דאָס בלוט

פון מאַרגאַרעט צום בלוט פון דיאַן, די שטימע פון איי־ביק־ווייבלאכן צו דער שטימע פון אייביק־דיכטעריש.

זיבן יאָר נאָכן פּראָלאָג איז שוין די טראַגעדיע פול פאנאנדערגעשפּילט. דיאַן און מאַרגאַרעט האָבן זיך גענומען. דיאַנס טרוים איז געווען צו זיין א מאָלער, אָבער די אומקינסטלערישקייט פון דער סביבה און די צעריסנקייט פון זיין נשמה האָבן פון אים געמאכט א שכור. זיין חלק פון דעם טאַטנס בוי־פירמע האָט ער פארקויפט בילין און אליין איז ער אנטלאָפן פון דעם גיהנום. זיבן יאָר האָט ער אָפּגעלעבט מיט מארגארעט אין אויסלאַנד. ער איז געלאָפן אהין צו ראַטעווען זיך קינסטלעריש, ווייל דאָס אייגענע לאַנד, אמעריקע, איז א שווערע היים, א גלות־היים פאר קינסטלער. עס איז א לאַנד, באַלויכטן מיט א טרוימלאָזן ליכט, שיין, אָבער אָן פאַרב און אָן אילוזיע. עס איז א לאַנד מיט א לעבן וואָס שליסט אלעמען איין, נאָר דעם דיכטער אויס. דער דיכטער אין דער דאָזיקער וועלט איז ווי א לאָמער צווישן גלייכע, ווי א פאַרשלאָפענער פּוס אין קערפּער. דעריבער איז דיאַן אנטלאָפן. אָבער זיינע קינסטלערישע פיינען האָבן אים פאַרצערט, ביז עס איז פון אים נאָר געוואָרן א צעבראָכן שערבל, אין וועלכן עס האָט, נערוועז און צוקיג, געברענט דער איידעלער בוימל פון דיכטונג.

בילי וואָס האָט גערשנט זיין פאָטער, און דיאַנס חלק אויך, איז געוואָרן בעל־הבית פון דער פירמע און געבליבן זיצן אין דער באַקוועמער שטול וואָס זיין פאָ־טערס מי האָט ווייך אויסגעבעט. ער איז געוואָרן אַן

אַרכיטעקט, אָבער ניט פון אינווייניקסטן רוף, נאָר בירושה פון פאָטער, און ווייל דאָס איז ניט קיין ערגערע מלאכה ווי טויזנט אנדערע. און ער איז געווען זאַט מיט דערפאָלג און האָט געבויט געביידעס פאַר זיינע מיטבירגער, פון דער זעלבער מאַטעריע געשניטן וואָס ער. אַלץ איז גוט געווען, נאָר ווען ער האָט געבויט א קאַ־טעדראַלע, האָט זי אויסגעזען ווי א באַנק, און ווען ער האָט געבויט א באַנק, האָט זי אויסגעזען ווי א קבר.

איצט, נאָך זיבן יאָר, טרעפן זיי זיך ווידער צוזאַ־מען, און איינער נויטיקט זיך אין אנדערן. בילי דאַרף דיאָנס גייסט, דיאָן מוז אנקומען צו בילין נאָך ברויט. מאַרגאַרעט אַליין גייט צו בילין בעטן אַרבעט פאַר איר מאַן. בילי איז „גרויסמוטיק" און דיאָן פאַרדינגט זיך צו בראַונען פאַר א צייכענער. גייסט פאַרקנעכט זיך צו ברויט.

און וואָס בילי האָט ניט דערשלאָגן אין דיאָנען קליינערהייט, נוצט ער איצט אויס פאַר זיך גרויסער־הייט. דיאָן אַנטאָני צייכנט בילי בראַונס פּלאַנען און מייסטערט אריין זיין ווארעם האַרץ אין קאַלטן שטיין ביז דער שטיין ווערט אויך ווארעם. אָבער סיי דער כבוד, סיי די פאַרדינסטן גייען צו בראַונען. זיבן יאָר איז דיאָן א קנעכט ביי בראַונען. ער מאַכט זיין האָר גרויס און באַרימט. אַליין אָבער ברענט ער און ברענט מיטן געטלאַכן פייער, וואָס ער זוכט צו לעשן אין אַלקאָהאָל, ציניזם און אויסגעלאַסנקייט.

דאָך איז בראַון מקנא דיאָנען. בראַון האָט אַלץ און פאַרמאָגט גאָרניט; דיאָן פאַרמאָגט גאָרניט און האָט

אלץ. און דאָס גאַנצע שפּיל פון „גרויסן גאָט בראון“ שטעלט נאָר פאָר ווי בילי יאָגט זיך צו כאַפּן דיאָנס גליק, נאָר דאס גליק, ווי דער שיינער גן־עדן־פויגל, שפּרינגט אים יעדן מאָל אוועק אויף אן אנדער צווייג. און ווען עס בלייבט אים א פעדער אין דער האַנט, פאַר־לירט זי צווישן זיינע פינגער איר רעגנבויגן פון קאָלירן און ווערט פאַרקערט אין בלייכן טרוקענעם שטרוי.

די ליבע איז דאָס פעלד, וואו די צוויי כחות ראַנג־לען זיך איבער זייער שיקזאל. אין דער דאָזיקער דראַ־מע ווערט די ליבע און איר טרעגערין, די פרוי, גע־שטעלט ווי דער העכסטער לעבנסווערט. דיאָנס קינסט־לעריש־מיסטישע נאַטור רעגט און וועקט דאָ די מיס־טעריע פון דער פרויען־ליבע, וואָס בלייבט פאַרשלאָסן פאַר דער אומקינסטלערישקייט. דיאָן, דער שלים־מזל, דער שכור, קריגט די ליבע ניט נאָר פון מאַרגאַרעט נאָר אויך פון סיבעל, אָבער פאַר בראַונען בלייבן די הערצער פוןביידע פרויען אין זייער ליבע פאַרשלאָסן.

מאַרגאַרעט און סיבעל זיינען צוויי פרויען, וואָס שטעלן פאָר די צוויי פאָלן פון פרויען־מין: איינע צאַרט, אײדל, ריין, אייביק קינדעריש, אייביק מיידלש, אייביק מוטערלאך; די אנדערע גראָב, פּראָסט, אויסגעלאסן, ציניש. אָבער ביידע ציען זיי זיך אלצאיינס צו דיאָנען און פאַר ביידן איז בילי בראון אלצאיינס אפשטויסנד. פאַרוואָס? „ווייל דיאָן ל ע ב ט“ — זאָגט סיבעל. דיאָן איז א קוואַל פון ליכט, בראון נאָר א פּראָסט גלעזל וואָס שלאָגט קיין שטראַלן ניט אָפּ.

סיבעל איז אויך סימבאָליש. זי איז ניט סתם א פרוי, נאָר די פרויען־נאַטור, די פאַרקערפּערונג פון

וויבלאַכן גייסט. אין דער דראַמע שפּילט זי א דאָפּלטע ראָלע. די ערשטע איז די ראָלע פון א פּראָסטיטוטקע, וואָס לאָזט זיך אויסהאַלטן פון בילי בראַונען. די צווייטע איז די ראָלע פון איידעלער ליבהאָבערן פון דיאָנען. פון בראַונען לאָזט זי זיך אויסהאַלטן, אָבער דיאָנען האָט זי ליב. בילין האָט זי פיינט דערפאַר ווייל אין דער פּיאַנע וואָס שטייט אין הויז אַרט אים נישט די ביליקע מוזיק נאָר דער ביליקער קאַסטן. אָבער דיאָנען אַרט די מוזיק. ווייל אין דיאָנען אליין איז פאַראַן מוזיק און בילי איז ווי א ליימענע כּלי. סיבעל טראָגט אויך א מאַסקע. אָבער די מאַסקע פון דער טעמפּער, גראָבער לייב-פרוי טראָגט זי נאָר פאַר בילין. פאַר דיאָנען איז זי אָפן. דיאָן קען זי פריי און דירעקט, און פאַר אים איז זי נישט פרוי פון לייב, נאָר מיסטישער גייסט פון פרויענטום, סוד פון ערד און וועלט. ווייל דיאָן איז אן אָרגאַן פון גייסט, בראַון א געפעס פון גשמיות. בראַון איז דער זשעני פון געווינטלאַכקייט. בראַון שטעלט פאַר דעם פלאַכן בורזשואַזן מאַרך, דיאָן — די פאַנטאַזיע און דעם סוד פון א העכערער, נישט קיין היגער וועלט. אפילו אין זיינע זינד איז בראַון קליין און באַשרענקט. ער קען זיי נישט באַפּוצן מיט שיינקייט. אָבער דיאָן איז א מענטש פון הערלאַכע ליידנשאַפטן, א מענטש מיט טיפע און דירעקטע אינסטינקטן, אָנגעפילט מיט בענקשאַפט צו דערלייזונג, א מענטש האַלב לייב, האַלב מוזיק. בראַון באַוועגט זיך אין טעמפּער בירגערלאַכקייט, דיאָן לעבט אייביק אין גרויסן שטאָף. בילי קען ביז משוגעת נישט פאַרטראָגן און נישט פאַרגינען דיאָנס מזל. און גע-

טריי זיין בורזשואזער נאַטור וויל ער מיט געלט אפקויפן די פרויען, וואָס דיאַן האָט ליב. „איך וועל דיר געבן אלץ וואָס דו פארלאנגסט — זאָגט ער צו איינער, וועל־כע איז סיבעל, נאָר אָן דער מאַסקע, און ער דערקענט זי ניט — אבי זאָג מיר צו אז דו וועסט זיך מער ניט זען מיט דיאַן אנטאָני!" ער וויל אוועקגנבענען דיאַנס ווייבער און ליבע אזוי ווי ער גנבעט זיינע אידייען.

און דיאַן ברענט און ברענט און ווערט פאַרצערט צווישן ווייבער און קינדער, צווישן ווייַן און געדאַנקען, צווישן פאַנטאַזיעס און אנטוישונגען, צווישן חלום און בראונען.

„קוק אים נאָר אָן, בראונען — זאָגט דיאַן — זיינע עלטערן האָבן אים געבראַכט אויף דער וועלט גלייך ווי זיי וואָלטן אים דירעקט ארייַנגעפירט אין א קינדער־פאַראַד וואו די פעטסטע קינדער קריגן פרייזן. און ביז צו היינטיקן טאָג זיצט ער נאָך אויפן וועגעלע אין דער פראָצעסיע, צו פעט, אז ער זאָל איצט זיך קענען אויס־לערנען גיין, פון טאַנצן אָדער לויפן שוין אפגערעדט. ער וועט שוין קיינמאָל ניט לעבן ביז פון זיין באפרייטן שטויב וועט ווערן ערד".

די דאָזיקע ווערטער וועגן בראונען זאָגט דיאַן טאַ־קע צו בראונען אליין, אין בראונס ארבעט־צימער, אין א סצענע וואו דיאַן שפייט זיין גאנצע ביטערע גאַל בראונען אין פנים אריין, דעם גאנצן אנגעזאמלטן האַס פאַר אלע עולות, פאַר דער גאנצער גראָבקייט און פראַסטקייט, פאַר דעם אייביקן לאַגנזאַמען אויסזויגן און אויסצאַפּן זיין גייסט פון אים צו מאכן דערפון געלט

און גאָלד, פאַר לעבן אָן גייסט, אָן זין, אָן באַדייט, און פאַר פלאַנצן גייסטלאָזיקייט, אומזין און אומפּרייד אין דער וועלט.

די דאָזיקע סצענע וואו דיאַן פירט אונטער זיין לעצטן סך־הכל מיט בראַונען איז איינע פון די מעכ־טיקסטע אָנקלאַגעס קעגן דעם מאַטעריאַליסטישן אמע־ריקאַניזם. און דיאַנס לעצטער סך־הכל מיט בראַונען איז אויך זיין לעצטער סך־הכל מיט דער וועלט. ווארום דיאַן, אויסגעשעפּט פון גייסטיקן צער, פאַלט און שטאַרבט צו בראַונס פיס. זיין נשמה האָט צעריסן די קייטן פון זיין קערפּער. און ווען ער שטאַרבט פאַלט אַרונטער די מאַסקע פון זיין פּנים, זיין לעצטע מאַסקע: די מאַסקע האָט דעם אויסזען פון אַן אמתן טייוול, און דאָס פּנים, ווען עס ווערט אויפגעדעקט, איז דאָס פּנים פון אַ „קריסטלאַכן מאַרטירער״.

און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס מאַרטירער־לעבן פון דיאַנען, פון אַ קינסטלער־נשמה אויף דער אַמעריקאַנער ערד: פון דיאָניסוס, דורך אַנטאָניוס, ביז מעפיסטאָפעלן און טויט. דיאַן איז חרוב געוואָרן ווייל ער האָט ניט געקענט שלום־מאַכן מיט בראַונס וועלט. די גייסטיקע וועלט איז ענטוועדער אויטאָנאָם אָדער הערשעריש, זי קאָן זיך אָבער ניט אונטערוואַרפן דער גשמיות. קעגן דעם שטאָלץ פון גאָלד האָט דיאַן אַרויס־געשטעלט דעם שטאָלץ פון גייסט, קעגן דער מאַכט פון בירגערלאַכקייט — די מאַכט פון אינעווייניקסטער פרייהייט. און דיאַן איז אונטערגעגאַנגען.

דיאַן שטאַרבט, אָבער בראַון לעבט ווייטער, און אַזוי ווי ער האָט אויסגענוצט פאַר זיך דיאַנען ביים לע־

בען, אזוי וויל ער אויך אויסנוצן פאַר זיך זיין טויט. ווארום ווען דיאַן שטאַרבט ביי בראונס פּיס בלייבט זיין מאסקע ליגן. און עס פאלט בראונען איין צו באַהאַלטן דיאַנס קערפּער, אנצוטאָן זיין מאַסקע, זיך פאַרשטעלן פאַר דיאַנען, און שפּילן דיאַנס ראָלע אין דער וועלט. ער וויל ביי מארגארעט גילטן פאַר דיאַנען, ער וויל כאָטש פון צווייטער האַנט דורכלעבן דאָס, וואָס דיאַנען איז באַשערט געווען צו פילן דירעקט און אורשפּרינג־לאַך. ער וויל אין פאַלשן שפּיל, הינטער דער טונקעלער שויב פון א מאַסקע, דערפילן כאָטש איין מאָל דעם אמתן טעם פון אמתן לעבן, זען פרוי און ליבע, גע־שלעכט און קינד און וועלט ווי א דיכטער, ווי א גאַנצע און פולע און זאַפטיקע נשמה זעט און געניסט זיי. ער וויל די ליבע אויך קריגן אויפן זעלבן אויסערן, מע־כאַנישן אופן ווי זיין גאַנצן ערפאָלג.

אָבער וואו בראון האָט געזוכט זיינע גרעסטע האַ־פענונגען דאָרט געפינט ער זיינע ביטערסטע אנטוישונ־גען. דורך א ריי פאַרוויקלטע סיטואַציעס, וואָס דער־מאָנען אָן א „דר. יעקיל און מר. האַיד“ און זיינען די שענסטע טיילן פון דער דראַמע אלס „ריין טעאַטער“, גע־לינגט עס בראונען אָפּצונאַרן מאַרגאַרעט אויף א גע־וויסער צייט. ער שפּילט די ראָלע פון איר מאַן און פון פאָטער צו אירע קינדער, אָבער ווי טייער ער באַצאָלט דערפאַר! ווי ביטער איז עס אים, בעת מארגאַרעט זיצט אויף זיין שויס, צו הערן פון אירע ליפּן זיסע רייד צו אים, אלס דיאַן, אָבער ביטערע רייד פון אומצוטרוי און פאַראַכטונג צו אים, אלס בילי בראון!

בראון טראָגט דיאַנס מאַסקע און מיינט צו געווינען זיין קראַפט, אָבער ער געווינט נאָר זיין פּיין. צום ערשטן מאָל דערפילט ער זיין עלנדע עקזיסטענץ און זיין לעבן ווערט אים א מילשטיין ארום האלז. דיאַנס מאַסקע ווערט זיין פּאַטאַלער שיקזאַל. זי ווערט זיין זינד און זיין על-חטא, זיין פּאַרברעך, און זיין שטראָף. בייטאָג נאַרט ער די וועלט אין איר און ביינאַכט ווערט זי דער קליינער מזבח פאר וועלכן ער קניט און איז מתפלל. דיאַנס מאַסקע טרייבט בראונען ביז צו משוגעת. עס קומט סוף-כל-סוף דער טויט און באפרייט אים.

בראונס לעצטע ווערטער זיינען: „נאָר דער וואָס האָט געוויינט דער קאָן לאַכן". דערמיט האָט בראון באַוויזן אז ער האָט סוף-כל-סוף תופס געווען דיאַנס לעבן און דעם זין פון לעבן בכלל. ניט אין ווייכע שטולן, ניט אין פּעטן געדייען ליגט דאָס אמתע גליק. דאָס לעבן, כדי גליקלאַך צו זיין, דאַרף האָבן ביינקעניש, חלומות, עצבות. ווי דיאַן האָט זיי געהאַט. בראונס לעבן איז א בלוטליידיק לעבן. ער איז ענערגיע אָן זין. ער געהער צו קיינעם ניט, ניט צו דער ערד, ניט צום הימל, ניט צו סיבעל, ניט צום נעכטן און ניט צום מאָרגן. ער איז א מערדער פון לעבן. זיין קערפּער איז נאָר א טרונע אין וועלכער עס ליגן טויט—לעבן, געפיל און געדאנק. אָבער דיאַנס לעבן איז רייך און פאַרביק. דיאַן איז א דיכטער, און דיכטער איז קאָנצענטרירטע מענטשלאכע עסענץ. אבער בראון איז פּראָזע פון וועלכער דער זין איז אויסגעוועפּט געוואָרן. דיאַן וויל אויסלעבן די

גאַנצע סקאַלע פון מענטשלאַכן זיין, פון דעם אָנהויב פון אינסטינקט ביזן סוף פון שכל. אבער בראונ׳ס וועלטל איז נאָר אזוי גרויס ווי דער קרייז וואָס זיין ווייכער דריי־שטול קען מאַכן: ער האָט מורא זיך אוועקצולאָזן אין די הויכן פון דענקען און אין די גערדיכטעקישן פון פילן, וואו עס זיינען ניטאָ, אזוי ווי אויף דער האַרטער ערד, קיין פּאָליציילייט און קיין אָרדנונג־היטער. און דער טראַגישער סוף פון די צוויי שיקזאַלן צוזאמען איז דער: דיאָן ווערט פאַרדאַרט אין דעם טרוקענעם טאָל פון אמעריקאנישן לעבן, און בראון באגרייפט אין פאַר־צווייפלטן שרעק אז זיין לעבן איז ליידיק און וויסט גע־ווען. ער דערזעט אז ערד ווערט ערשט שיין דורך גייסט, און יעדער אמתדיק לעבן הויבט זיך אָן דאָרט וואו עס הויבט זיך אָן דער גייסט.

ווי געזאָגט, געצילט האָט אָניל צו מאכן פון „גרויסן גאָט בראון" א וועלט־דראַמע, די דראַמע פון היידנטום און קריסטענטום, אָבער ארויסגעקומען איז אין אמת׳ן נאָר אן אמעריקאנישע דראַמע. ווארום צופיל איז אין איר פאַראַן ריין־אמעריקאנישע סביבה, ריין־אמעריקאַ־נישע כאַראַקטעריזירונג און פּראָבלעמאַטיק, אז מען זאָל זיי אויף איין מאָמענט קאָנען פילן אנדערש ווי אן אָפּשפּיגלונג פון אמעריקאנישן לעבן. די דראַמע שיל־דערט די באַהאַלטענע טראַגעדיע וואָס שפילט זיך אָפּ בלינד אויפן תהום פון דער אמעריקאנער נשמה: פון אונטערן אָפּטימיזם און אויבנאויפיקער צופרידנקייט האָט אָניל אויפגעדעקט דעם שרעק פון גייסטיקן יאוש.

ניט פיל גליקלאכער איז עס אָניל׳ן געגאנגען מיט דער סצעניש־טעכנישער זייט. אמתע קונסט איז אזוי

קלאָר ווי אַן אַקסיאָמע און אַזוי איבערצייגנדיק ווי אַ סילאָגיזם. אָבער דער אייביקער וועקסל פֿון מאַסקעס אין „גרויסן גאָט בראַון" האָט געמאַכט פֿון דער דראַמע אַ מאַטעמאַטיש ווערק, מיט אַ מאַטעמאַטיק פֿון רעאַ־ ליזם, סימבאָליזם און מיסטיציזם. שוין דער פּראָלאָג אַליין איז אַ געאָמעטריש פּראָבלעם אין פּסיכאָלאָגיע. נאָר כאָטש דאָס ווערק איז אין זיין גאַנצקייט ניט גע־ ראָטן, דאָך איז אומעדום קאָנטיק די האַנט פֿון אַ מייס־ טער, אפילו אין די חסרונות און אין צעוואָרפֿענע שטיק־ לאַך און ברעקלאַך. פֿון אַ צעבראָכן קונסטווערק בלייבט יעדער באַזונדער שטיקל אַליין אַ קונסטווערק. ווענוס אָן די הענט און די הענט אָן ווענוס זיינען אַלצאיינס גרויסע מייסטערווערק.

דיאָן איז אַ דיכטער־ברודער פֿון ראָבערט׳ן אין „הינטערן האָריזאָנט". נאָר בשעת ראָבערט ווערט פּאַ־ סיוו איינגעזויגן אין דער ערד שטעלט דיאָן פֿאַר דעם רעוואָלוציאָנערן כח פֿון קינסטלער. דערווייל גייט ער נאָך אונטער, אָבער ער ברענגט דעם אונטערגאַנג פֿון יענער קליינבירגערלאַכקייט פֿון די בראַונס וואָס האָט דאָס גאַנצע אַמעריקאַנישע לעבן אַנגעשטעלט לויטן בירזן־טאָן. בראַון, ווידער, איז נאָר אַ צווייטע אויפֿ־ לאַגע פֿון אַנדרון.

און „מאַרקאָ מיליאָנשטשיק" איז אַ דריטע.

2.

„מאַרקאָ מיליאָנשטשיק“

„מאַרקאָ מיליאָנשטשיק“ הויבט זיך אָן אזוי:

ערגעץ, אין נאָפּל פון דער וועלט, ביי די גרעניצן פון פּערזיע און אינדיע, דאָרט וואו די קולטורן פון דער געשיכטע פליסן אויף און אָפּ, שטעלט דער דיכטער אוועק א בוים. עס איז א הייליקער בוים, הייליק דעם מענטשלאכן אָבערגלויבן. דער בוים איז באַהאַנגען מיט אלערליי צאַצקעס, שמאַטקעס, מטבעות און קמיעות — די סימנים פון מענטשלאכן בלינדן בלאָנדזשען אין די מיסטעריעס פון הימל און ערד, און ניט ווייניקער לע־גענדעס ווי קמיעות הייגנען אויף די צווייגן פון בוים: דריי סוחרים, א בודהיסט, א מאגיער און א קריסט טרע־פען זיך אונטער זיין קילן שאָטן, און זיי לופטערן אוים זייערע געדאַנקען: פאַרן בודהיסט איז עס א בוים, וואָס איז אויסגעוואקסן פון א צאָן־העלצל, וואָס דער געטלא־כער סאקיא האָט אמאָל אויף דעם פלאץ אוועקגע־וואָרפן; פאַרן מאגיער קומט דער בוים פון זאָראָאַס־טער'ן, וואָס האָט געבראכט פון גן־עדן א צווייגל פון עץ־החיים און עס דאָ פאַרפלאַנצט; און פאַרן קריסט איז עס אדם הראשונ'ס שטעקן, און אויך דער בוים, פון וועלכן מען האָט גענומען דאָס האָלץ פאר יעזוסעס צלם. און באַלד שטייען די סוחרים און דינגען זיך, ווי סוחרים,

איבער זייערע דריי נוסחאות פון דעם הייליקן בוים און פון דינגען גייט מען שיער ניט איבער צו מעסער־שטעך.

נאָר פלוצלונג פירט מען אריין אין א גלעזערנעם ארון דעם טויטן קערפער פון א פרינצעסין, וואָס איז געשטאָרבן פון ליבע. מען דעקט אָפּ איר פנים און עס צעשטראַלט זיך א ליכטיקייט, וואָס פארטונקלט די מיטאָקדיקע זון, און די צווייגן פון בוים הויבן אָן שפילן, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען קליינע האַרפן און דער ווינט וואָלט געשפילט אויף זיי. און דורך דער דאָזיקער מוזיק דערהערט זיך א קול פון איבערערדישער גליקזעליקייט, דאָס קול פון דער פרינצעסין, געווענדט צום קריסטלאכן סוחר:

„זאָג דאָרט פאר מיר מארקא׳ן אין ווענעדיג: איך האָב געליבט און בין געשטאָרבן. איצט בין איך די ליבע און איך לעב. און לעבענדיק האָב איך פארגעסן און ליבענדיק קען איך פאַרגעבן“.

און ווען דאָס קול פאַרשטילט און עס הערט־אויף די מוזיק און עס ווערט צוריק ליכטיק מיט דער ליכטיקייט פון דער זון, הויבט זיך ווידער אָן אונטערן בוים דער געוויינטלאכער קאמף פון דעם געמיין־מענטשלאכן: סוחרישער שווינדל און הערשערישע בייטש. די פראָצעסיע רוקט זיך ווייטער. פון דעם צוזאמענשפיל פון טויט און בוים ווייסן די מענטשן גאָרניט: זיי טראָגן נאָר דעם טויטן קערפער פון דער שיינקייט.

דאָס איז דער פראָלאָג און איצט הויבט זיך אָן די דראַמע. אָבער דער אינהאַלט פון פראָלאָג געהער אין

אמתן ערשט צום סוף פון דער דראַמע: די פּרינצעסין ווערט אונז שוין געוויזן א טויטע, כאָטש איר גאַנץ לעבן און לעבנס־שפּיל שטייט נאָך פאָראויס. וואָס איז דער זין פון אזא אריינפיר? און וואָס איז דער מיין פון די האַלב־קלאָרע, האַלב פארשטעלטע ווערטער פון דער געשטאָרבענער, דאָך לעבעדיקער, פּרינצעסין?

עס איז אַן אריינפיר, ניט אין א געוויינטלאַכער דראַמע, נאָר אין א מין האַלבן צויבערשפּיל. דאָ איז גע־מישט הימל, ערד און רעגנבויגן. אין „מאַרקאָ מיליאָנט־שיק" האָט אָניל, אויפן שפּיץ פון זיין פעדער, אויפגע־בלאָזן א שימערדיקן זייפנבלאָז אין דער זון, און אויס־געמאָלן אויף אים א קאָמיש מענטשעלע — האָמאָ אמע־ריקאַנוס. און ער האָט אָנגעהויבן דאָס שפּיל ווי א מעשהלע, ראָמאַנטיש, אלטערטימלאך: אזוי פלעגט זיך פאַרצייטנס אָפט אָנהויבן א דראַמע, מיטן כאָר, אָדער מיט א פּערסאָנאַזש, וואָס פלעגט ארויסקומען פארן פאָר־האַנג און אָנזאָגן, אז היינט וועט זיין א שפּיל אזא און אזאַ, וואָס מיר דאַרפן זיך דערפון אַראָפּנעמען א מוסר אזאַ און אזאַ. אָדער אפשר איז עס גאָר דער נוסח ווי אַן אַלטע באָבע פלעגט אָנהויבן: איך וועל אייך דער־ציילן, קינדערלאך, א מעשה, א מעשה פון א בת־מלכה און א נאַר, א בת־מלכה, וואָס איז געווען די שיינע חכמה אויף דער ערד, און א נאַר, וואָס האָט ניט פאַר־שטאַנען זי צו נעמען פאַר א כלה. און די בת־מלכה איז געשטאָרבן און דער נאַר איז — דער אמעריקאַנער. און אז איר וועט זיך גוט אריינטראכטן אין דער מעשה־לע, וועט איר אין דעם געפינען א גאָר טיפן מיין, אז

דער אמתער זין פֿון דער וועלט איז ניט דאָס וואָס די נאַרישע סוחרים טוען אונטערן בוים, האַנדלען און שטעכן זיך, ניין, דער אמתער זין פֿון אַלץ ליגט גאָר אין דעם סודותדיקן צוזאַמענשפּיל צווישן דעם שטומען בוים און דער טויטער פּרינצעסין, אַז דער אמתער זין פֿון ליבע און לעבן ליגט גאָר ערגעץ־וואו אויף יענער זייט לעבן.

אַזוי ווערט אָנגעשלאָגן דער טאָן אין אַ סימפאָניע און אַזוי ווערט אָנגעוואָרפֿן די הויפּט־פאַרב אין אַ בילד.

און אַזוי גייט דאָס מעשה׳לע פֿון דער דראַמע:

אַמאָל איז געווען אַ מלך, און זיין נאָמען איז געווען קובלאַי־כאַן. געלעבט האָט ער אין דעם לאַנד, וואו די זון גייט אויף, און געווען איז ער און זיין פֿאָלק אַלט און זאַט מיט חכמה. דער מלך מיט זיין פֿאָלק האָבן געלעבט גליקלאַך און צופרידן אויף גאָטס וועלט. איינמאָל זיינען צו זיי אין לאַנד געקומען צוויי פֿרעמדע מענטשן, סוחרים, ברידער. די פּאָלאָס האָבן זיי געהייסן. געקומען פֿון ערגעץ וויינט־וויינט, פֿון דאָרט, וואו די זון גייט אונטער. און פֿון די סוחרים האָט דער קיניג זיך דערוואוסט, אַז אין יענעם וויינטן מערב־לאַנד לעבן מענטשן, וואָס גלויבן אין אַן אַנדער גאָט. און אַזוי ווי די ערשטע חכמה פֿון אַלע חכמות איז — זיך ניט איינריידן, אַז עס איז קיין גרעסערע חכמה אויף דער וועלט ניטאָ, האָט דער אַלטער קלוגער קיניג קובלאַי־כאַן געזאָגט צו די צוויי פֿרעמדע לייט:

„גייט צוריק אין אייער לאַנד, און גייט צום כהן גדול פֿון אייער גאָט און זאָגט אים, אַז איך, קובלאַי כאַן, האָב אים געלאָזט אַזוי זאָגן:

„שיק מיר הונדערט פון דיינע בעסטע לייט, פון דיינע קליגסטע חכמים און זקנים, און איך וועל אויס־קלייבן הונדערט פון מיינע גרעסטע חכמים און זקנים, און זאָלן זיי זיך מתווכח זיין א סך טעג און נעכט, און מיר וועלן זען וועמענס אמונה עס איז די אמתע און וועמעס גאָט עס איז דער אמתער גאָט."

אָבער די צוויי סוחרים פון דעם מערב־לאַנד האָבן גאָרניט געזוכט קיין חכמה און האָבן זיך נאָר געקוואָפּעט אויפן גאָלד און זילבער און די אבנים טובות פון דעם רייכן מזרח־קיניג און זיין לאַנד. און זייער כהן־גדול, דער פּויפּסט, האָט אויך ניט געוואָלט קיין אנדער זאַך, איז אנשטאָט צו שיקן צום אלטן קלוגן קיניג, קובלאַי־כאַן, הונדערט חכמים, האָט ער אים געשיקט — מארקאָ'ן... דעם זון פון איין פּאָלאָ און דעם פּלימעניק פון צווייטן פּאָלאָ.

און מאַרקאָ מיט זיינע צוויי עלטערע איז געקומען צו קובלאַי־כאַן. און מארקאָ איז געווען געשיקט און כיטרע. נאָר קיין חכם איז ער ניט געווען. האָט ער געזאָגט צום קיניג: זיך מתווכח זיין מיט דיינע חכמים קען איך ניט, אָבער דו גיב איבער אין מיינע הענט א שטיק פון דיין לאַנד, מאַך מיך פארן קלענסטן פון דיינע באַאמטע אין איינער פון דיינע פּראָווינצן, שטעל מיך פארן שטייער־זאַמלער, און איך וועל דיר באַווייזן ניט מיט רייד, נאָר מיט מעשים, ווי אזוי מיר פירן זיך אין אונזער מערב־לאַנד און ווי אזוי אונזער פּאָלק לעבט.

דעם אלטן קיניג איז עס אפילו ניט געפעלן געוואָרן, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער געטאָן מארקאָ'ס ווילן.

און עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די צופרידנ־קייט האָט זיך אָפּגעטאָן פון קיניג׳ס לאַנד, דאָס גליק פון זיין פאָלק איז אוועק, אנשטאָט רייכקייט — אָרעמ־קייט, אנשטאָט פרידן — קריג, אנשטאָט פרייהייט — געפּענגעניש, אָנשטאָט לעבן — טויט.

אָט דאָס איז געווען מאַרקאָ׳ס אויפטו, די פּרוכט פון דער ארבייט פון זיינע הענט. דאָס איז די „חכמה" פון דעם מערב וואָס ער האָט געבראַכט דעם מזרח.

נאָר די אומערפאַרענע, שיינע פּרינצעסין קוקאַט־שען האָט זיך אין אים פאַרליבט. אבער וואָס איז די פּעולה אז מאַרקאָ האָט גאָרניט געוואוסט וואָס שיינ־קייט איז און וואָס ליבע איז און האָט ניט פאַרשטאַנען זייער איידעלע שפּראַך. ווען די פּרינצעסין האָט געקוקט צו אים מיט לעכצונג, האָט ער איר געטאַפּט ביים קאָפּ צו זי איז ניט קראַנק; אז איר הארץ איז פאַרצערט גע־וואָרן פון ליבעס־פייער האָט ער געפּרובט דעם פּולס צי זי האָט ניט קיין פיבער, און אז איר נשמה האָט געפלאַ־טערט ווי א גליי־פליגעלע אין דער נאַכט האָט ער איר געהייסן ווייזן די צונג. ביז די פּרינצעסין האָט אויסגע־שריען:

„ווי, אז פון אָן אָקם האָב איך פאַרלאַנגט ער זאָל זען מיין נשמה!" און זי איז געשטאָרבן פון א צעבראָכן הארץ.

פון צווישן די חורבות, וואָס מאַרקאָ האָט מיט זיינע פאַראָנדקעס אָנגעמאַכט אין מזרח־לאַנד האָט ער זיך אָנגעשאַרט מיליאָנען, אָבער פון דער חכמה האָט ער

זיך גאָרניט מיטגענומען. און ער איז אוועק צוריק אהיים, קיין ווענעדיג, און האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט א גראָבער פּראָסטער שיקסע.

אָט דאָס איז דאָס מעשהלע, וואָס דער דיכטער האָט ארומגעהאַנגען מיט בלישטשעדיקע צאַצקעס ווי א ווייַנאכט-בוים און געמאכט דערפון א בלענדיקן, שי־מערדיקן ספּעקטאַקל.

נאָר אויפן סקעלעט פון אָט דעם אָריענטאַלישן באָבע-מעשהלע האָט אָניל אָנגעצויגן דאָס לייב פון איי־נער פון די שטארקסטע סאַטירעס אין דער הייַנטיקער אמעריקאנער ליטעראטור. ווען דער טיפּישער קליינביר־גערלאַכער אמעריקאנער פון הייַנט וואָלט שוין פריער מיט א פּאָר יאָר פון אן אנדער ליטעראריש ווערק ניט געקראָגן דעם נאָמען „באביט“, וואָלט ער פון אָניל'ס דראַמע געקראָגן דעם נאָמען מארקאָ אָדער פּאָלאָ, אָדער מארקאָ פּאָלאָ, אָדער מאַרקאָ מיליאָנטשיק.

ניט אין דער טעמע און ניט אין דער געשטאַלטונג פון די מענטשן איז די דראַמע נייַ. די טעמע — אמע־ריקאנישער מאַטעריאַליזם, די צופרידענע הייראט צווי־שן קאַפּיטאַליזם און קירכע, דער דרוק פון מאַטעריא־ליזם אויפן גייסט—די דאָזיקע טעמע איז שוין גוט באַ־קאַנט סיי פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קרי־טיק, סיי פון דער ליטעראַטור פון אונזער צייט. אויך איז די געשטאַלט פון דעם אַמעריקאנער בורזשואַ שוין כמעט געוואָרן א סטערעאָטיפּ אין דעם ראָמאַן, אין דער נאָוועלע, אין דעם קאַרטון און אין דעם וויץ פון אמעריקע. ער האָט שוין זייַנע גוט אָנגעמערקטע כאַ־

ראַקטער־שטריכן, וואָס מען קאָן זיי לייכט אויסרעכע־נען.

ניי אָבער איז דאָס שטעלן אים אנטקעגן הינטער־גרונד פון דעם טיפן און פאַרבנרייכן אָריענט. אָט דעם מענטשן, מיט אַלע זאַפטן פון האַרצן אויסגעטריקנט, מיט יעדער רעגונג פון פאַנטאַזיע פאַרמעקט, פירט דער דיכטער אריין אין צויבערלאַנד פון מזרח און שטעלט אים אוועק אנטקעגן דער ליכטיקער שיין פון אָריענטאַ־לישער חכמה, און עס באקומט זיך א קאָנטראַסט וואָס איז שאַרף ביז ווייטיק. דאָס האַרץ פון דעם ווערק ליגט אין דער סצענע, וואו מאַרקאָ, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען דערגרייכט ענדלאַך די טויערן, וואָס פירן צום גרויסן כאַן. עס עפענען זיך די טויערן ברייט פונאַנדער און עס באַווייזט זיך א גרויסע, לויטערע, הערלאַך צעגאַ־סענע, קיילעכדיקע זון — דער סימבאָל פון אָריענטאַ־לישער קולטור און חכמה. און אנטקעגן דער דאָזיקער זון שטעלט זיך מארקאָ און עס שניידט זיך אוים, שאַרף, קליין און מיזערנע מארקאָ'ס טונקעלע געשטאַלט מיט צוויי טיפּישע „סיילסמאַנישע" מוסטער־רענצלאַך אין ביידע הענט, א סימבאָל — פון יענער מיטאַלאָגישער באַשעפעניש, וואָס שרעקט איינצושלינגען די זון?

איידער מארקאָ און זיינע צוויי באגלייטער גרייכן די טויערן פון דער כינעזישער וואַנט וואַנדערן זיי דורך א מאָזאַאיקע פון לענדער און קולטורן. און יעדער לאַנד טראָגט זיי אנטקעגן דעם וואונדער פון לעבן אין אן אנדער געשטאַלט, און יעדע קולטור איר באַזונדערע מיסטעריע. אין מאַכמעדאַנישן לאַנד באַגעגנט זיי דער

דערוויש, אין אינדיע—דער שלאַנגען־צוימער, אין טאָ־טער־לאַנד—דער זינגער. אָבער פאַר מאַרקאָ פּאָלאָ איז קיין זאַך ניט קיין חידוש נאָר א שפּאַס. אין יעדער נייעם לאַנד נעמט ער נאָר ארוים זיין רייזע־ביכעלע און לייענט וועלכע סחורה דאָס לאַנד גיט און וועלכע עס נעמט. אויף יעדער סצענע פון יעדן לאַנד שטעלט דער דיכטער אוועק פאַר מאַרקאָ׳ס אויגן, סימבאָליש, די גאַנצע פּאַ־נאָראַמע פון לעבן: פון איין זייט א וויגעלע, פון דער צווייטער — אַן אָרון, און צווישן זיי ליאַלקעס, וואָס שטעלן פאָר דעם גאַנצן מענטשלאַכן גאַנג פון וויגעלע ביזן קבר. נאָר מאַרקאָ — ניט ער הערט, ניט ער זעט. און ווען ער באַמערקט שוין יאָ און פרעגט, קריגט ער ניט קיין ענטפער: פאַר אים וועט דאָס לעבן דאָס האַרץ ניט אויפדעקן און דעם פּנים ניט אנטשלייערן. אלץ בלייבט שטום צו אים אזוי ווי ער איז שטום צו אלץ, אחוץ צו זיין סחורה און צו זיין גאָלד. אפילו די גלום־טונג פון געשלעכט איז אין אים דערשטיקט דורך דער גלוסטונג צו גאָלד. די שיינע פראָסטיטוטקע, וואָס גייט אים פאַרביי זיין וועג אין אלע לענדער, קען קוים אויפ־וועקן אין אים די האַלב־געשטאָרבענע תאוה. און ווען ער רופט זיך אָפּ אויף איר רייץ, איז עס ניט אין פיינעם איידל־שפּיל פון געפילן, נאָר טעמפּ, אָן גראַציע, אָן יענעם ציטער פון ניואַנסן, וואָס מאַכן דאָס געשלעכט פאַר דער זיסטער און ביטערסטער דערפאַרונג פון לעבן.

לײדיק פון יעדן געדאַנק, אויסגעטריקנט פון יעדער געפילפולקייט איז מאַרקאָ, בלינד צו אלע קאָלירן פון דער וועלט, אלע, חוץ איינעם — דעם קאָליר פון גאָלד.

פון דער גאַנצער וועלט און אירע הערלאַכקייטן, איר זון און שטערן, ים'ען און שטראַלן, וויל ער נאָר איינס — דאָס גאָלד. דאָס בלוט אין זיינע אָדערן איז צע־שמאָלצן גאָלד, וואָס ברענט אים מיט גליענדיקער תאווה צו נאָך מער גאָלד. צווישן גאָט און גאָלד האָט ער זיך אויסגעקליבן גאָלד און רעדט פון גאָלד אין ביבלישן סטיל. אַזוי ווי מיזאַס פאַרוואַנדלט ער אין גאָלד אַלץ, צו וואָס ער רירט זיך צו, אַפילו געדאַנק. ווען ער זאָגט אַ וויץ, זאָגט ער אים ניט צוליב הנאה, נאָר ווייל אַ גו־טער וויץ העלפט צו פאַרקויפן, און דער ווערט פון וויץ ווערט ניט געשאַצט לויט זיין שאַרפזין, נאָר לויט זיין פאַרקויף־קראַפט. „אויב דיינע וויצן וועלן זיך ניט בעסערן וועסטו קיינמאָל גאָרניט פאַרקויפן", דערציט אים זיין פאָטער. די וועלט איז פאַר אים נאָר אַ גרויסע בירזשע: אַפילו ביי דער פראָסטיטוטקע זוכט ער צו כאַפּן אַ מציאה. ער קען ניט די קונסט פון ליבן, נאָר פון גלוסטן. פון אַלע אינסטינקטן איז אים געבליבן נאָר דער אינסטינקט פון באַזיץ. די פרייד פון זיין האָט ער פאַרביטן אויף דער פרייד פון האָבן. ניט אויסצושטראַ־לען נאָר איינזאַפּן. ווי אַן אויטאָמאַט גיט ער פון זיך נאָר פאַר אַ מטבעה, און ער וואָלט געגערן די גאַנצע וועלט איבערגעקערט ווי מען קערט איבער אַ קויש מיט קאַרשן, און ער וואָלט איר גאָלד און פאַרמעגן אָנ־געשאָטן זיך אין מויל, אין די קעשענעס, אין די אויערן, אין די נאָזלעכער, אונטער די נעגל. ווארום ער טראָגט אויף זיך די שרעקלאַכע קללה פון גאָלד, ער איז גע־שלאָגן מיטן שגעון פון גאָלד.

און אין זיין הונגעריקן מאַרש נאָך גאָלד טרעט ער אויף קולטור, לאַכט פון שיינקייט, שפּאָט פון געדאַנק, חוזקט פון פילאָזאָפיע, פאַראַכט די דיכטונג. און חוצפּה׳דיק וויל ער אָנפילן די וועלט מיט זיך, מיט זיין מהומה. אַז ער רעדט שפּריצט ער ליאַרעם און געפילדער, כאָטש ער זאָגט גאָרניט; אַז ער עסט, איז אים פול די באָרד, כאָטש ער איז גלאַט געגאָלט; און גייט ער, מאַכט ער אָן אַ ווינט און פאַרהילכט די וועלט מיט זיין טראָט, כאָטש ער גייט אויף „ראָבער הילס" (גומענע קנאַפּל). אָט דאָס איז מאַרקאָ, באַרבאַר פון גאָלד, גענע־ראַל־אַגענט פון קאַפּיטאַל, פּראָטאָטיפּ פון אַ מיליאָן „סיילסלייט", — די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פון אַמערי־קע.

וואָרום כאָטש מאַרקאָ ווערט פאַרגעשטעלט פון ווענעדיג און אין אַ יאָרהונדערט, ווען אַמעריקע איז נאָך ניט געווען, דאָך איז ער אירער, אַמעריקעס עכט קינד,ביין פון איר ביין און לייב פון איר לייב. ער איז די פאַרקערפּערונג פון קאַפּיטאַליסטישן גייסט בכלל, נאָר אַמעריקע איז די קרוין פון דעם דאָזיקן גייסט און מאַרקאָ דער „שײַנסטער" דימענט אין דער קרוין. מאַר־קאָ׳ס לשון, מאַרקאָ׳ס באַוועגונגען, זיינען דאָס לשון, די מעשים און די באַוועגונגען פון צען מיליאָן אַמעריקא־נער אַגענטן. מאַרקאָ איז געמאַכט פון אַמעריקע ווי די שפּראַך איז געמאַכט פון אלף־בית.

און אָניל שילדערט אים — ווי עס האָט זיך נאָך קיינמאָל קיין העלד ניט געפּייניקט אונטער אַ מער שטעכיקער, מער גיפטיקער פעדער. ניט מיט איראָניע,

ניט מיט סאטירע מאָלט ער אים, און אפילו ניט מיט סאַרקאַזם, נאָר מיט האַס. האַס און פאַראַכטונג. דער האַס איז אזוי גרויס, אז עס הערט אויף צו זיין קינסטלערישער האַס און ווערט פערזענלאכע שנאה. אַניל האַסט מאַרקאָן און וויל אים האָבן ווייט, אוועק, אָפּגעטאָן פון זיך, ווי דער לעבעדיקער וויל זיין אָפּגעטאָן פון דעם טויטן. ווארום מאַרקאָ איז — טויט. מאַרקאָ איז לייב אָן גייסט, און לייב אָן גייסט איז אזוי ווי לייב אָן לעבן. אזוי געשפּענסטיק און אזוי ניט־פאַרטרעגלאַך... דער לעבעדיקער קען ניט פאַרטראָגן דעם מת, און מאַרקאָ איז א מת. ער גייט ארום מיט א געשטאָרבענער נשמה אין זיך. ווען ער וואָלט אינגאַנצן אָן א נשמה געווען, וואָלט ער געהאַט דעם חן פון נאַאיוויטעט. אָבער אמאָל האָט ער דאָך א נשמה געהאַט: אמעריקע האָט זיך דאָך אָנגעהויבן מיט א געדאַנק און א לעגענדע. עס האָט דאָך געהייסן: „אמעריקע איז ניט קיין לאַנד נאָר אָן אידייע“. נאָר יענע נשמה, יענער גייסט איז געשטאָרבן און איצט טראָגט מאַרקאָ טויט אין זיך, דעם טויט פון גייסט. און עס שמעקט פון אים מיט נבלה פון געשטאָרבענעם גייסט— מעג ער אפילו יעדן טאָג א וואַנע נעמען און יעדן טאָג וועש בייטן...

קלאָר, מיטן קאַלטן מעסער פון רעאַליזם איז אויסגעשניצט מאַרקאָ׳ס פיגור. נאָר ראָמאַנטיש אויפגעפינזלט איז די אָריענטאַלישע וועלט פון קובלאי־כאַן. און דאָרט ליגט אַניל׳ס האַרץ. אַניל קען ניט דעם אָריענט פון דער ווירקלאכקייט. ער קען פּערזיע פון אירע טעפּיכער און כינע פון אירע וואַזן און בודואַר־

וועמטלאך. און אזוי האָט ער זיי אויפגעמאָלט, צאַצ־קעדיק, שימערירנדיק.

וואָס זשע ציט אהין אזוי זיין הארץ?

ניט די צאַצקעלאך און ניט דער שימער, נאָר א געוויסער טאָן, דער טאָן פון אָריענט. ניט קיין וועלט פון צופרידנקייט און גליק איז גראָד די אָריענטאַלישע וועלט, וואָס אָניל מאָלט אויף. גליקלאך זיינען דאָרט די מענטשן ניט. דאָרט איז אויך דאָ קריג, לייד און ליידנ־שאפט. דאָרט איז אויך דאָ סאָלדאט און פריסטער. גליק־לאך איז אין אמתן מארקאָ. די אָריענטאַלישע וועלט, ווי אָניל מאָלט זי אויף, איז איינגעוויקלט אין אן עלעגי־שער שטימונג, ווי א וואלד איז איינגעוויקלט אין וויכן בלוי. נאָר דאָרט איז דאָ — דאָס גליק פון גייסט, וואָס איז גליקלאכער פון אלע מארקאָ'ס גליקן. דאָרט איז דאָ פארטראכטקייט, קאָנטעמפלאציע, טרוים, בענקשאפט נאָכן אומבאוואסטן. דאָרט איז גוט און שיין, ווייל דאָרט איז ניט אלץ קלאָר, ניט אלץ זי־כער, ניט אלץ מעגלאך. דאָרט איז דאָ מעלאנכאָליע, דאָרט וויים מען, אז עס איז פאראן טויט אויף דער וועלט...

אָבער מארקאָ איז אן אוממעלאנכאָלישער מענטש, ער איז אן אומקאָמפליצירטע, אומגעשפאָלטענע נשמה. ער איז — אָן פסיכאָלאָגיע. ער קען ניט דעם טרוים, יענעם מאָדנעם כישוף, וואָס נאָר ער מאַכט דעם מענטשן מענטשלאך און דאָס לעבן לעבנסווערט. מארקאָ איז בלויז פיזישער מענטש, אָן אינערער נויט, אָן בא־ציאונג צו וועלט־וועזן און צום שאַפנדיקן גייסט. א

מענטש, אין וועלכן עס ווירקן ניט קיין אײדעלע קרעפ־טן, א מענטש פון טויטער געוויינטלאכקייט... א גליקלאכע אָבער לעכערלאכע פיגור...

„צופרידנקייט איז נאָר א ווארימע שטאָל פאַר עסער און שלאָפער", זאָגט קובלאי כאַן. דאָס איז די פילאָזאָפיע פון אָריענט. „האַלט אויף אין זיך די האַר־מאָניע צווישן דעם מוטער־לייב און דעם קבר", לערנט ער, און זיין פילאָזאָף טשיין זאָגט: „מען דאַרף באַ־טראַכטן דאָס לעבן ווי א בייזן חלום צווישן צוויי אויפ־וואכונגען. און יעדער טאָג איז א קליין לעבן". און זיין היסטאָריקער קלאָגט: „אפילו ווען דאָס לעבן איז לאנג, איז עס צו קורץ, צו קורץ פאַר פרייד און צו לאַנג פאַר לייד". און דער כאַר זינגט: „טויט איז — טויט איז — טויט איז". אָבער די פּרינצעסן זאָגט אָן צו מארקאָ'ן פון קבר ארויס: — איך האָב געליבט און בין געשטאָרבן. איצט בין איך די ליבע און איך לעב".

אָט דאָס איז די זיס־טרויעריקע פילאָזאָפיע פון דעם אָריענט. טרויעריק אָבער זיס, ווי — א ניט־דער־גרייכטע ליבע.

און וואָס האָט מאַרקאָ דער וועלט צו זאָגן?

מאַרקאָ זאָגט: „איך האָב פיינט די לײדיקגייערײ, ווען דער קאָפּ האָט ניט וואָס צו טאָן נאָר טראַכטן", טראַכטן — דאָס איז מארקאָ'ס גרעסטע שרעק און פּיין. און כדי ניט צו טראַכטן טוט ער נאָר איינס און שרייט:

מיליאָנען! מיליאָנען! מיליאָנען! קדוש, קדוש, קדוש! מיליאָנען!

און דער געשריי איז אן אומהיימלאכער און שטערט דעם קינסטלערס זעלן־רו. און דער קינסטלער, אין דיכטערישן צאָרן, האָט אנגענומען מארקאָ׳ן פאר די אויסגעקראָכענע האָר און אים ארויסגעצויגן פון אמעריקע, דאָס גאָט־געבענשטע נאָר מענטשן־פאַרשאָל־טענע לאַנד, און אים געבראַכט און אוועקגעשטעלט אין מיטן אָריענט און אים געוויזן, אז חוץ גאָלד און זילבער און אבנים טובות איז נאָך פאַראַן — חלום און ליבע אויף דער וועלט... און טויט...

און מאַרקאָ איז צוריקגעקומען פון אָריענט אַן אויסגעלאַכטער, אַן אויסגעהוזקטער, ווי זעלטן ווען א סאָציאלער טיפּ איז אויסגעהוזקט געוואָרן, א קלאָון און א נאַר, דער קלאָון פון אַן עפּאָכע, ד ע ר נ אַ ר פ ו ן ד ע ר מ ע ר ב ־ ו ו ע ל ט.

און נאָכן שטורם — די שטילקייט. די דראַמע ענ־דיקט זיך מיט זייער א מערקווירדיקן עפּילאָג, וואָס איז נאָך אַן אינטערעסאַנטע אינאָוואַציע פון אָניל׳ן דעם בינען־אַנאַרכיסט. ווען דער פאָרהאַנג פאַלט און עס ווערט ליכטיק אין טעאַטער און דער עולם הויבט זיך אויף צו גיין, הויבט זיך אויף פון דער ערשטער ריי א מאַן, געקליידט גראַדע ווי מאַרקאָ (עס איז טאַקע מאַר־קאָ אליין אין טעאַטער) און גענעצט זיך אויס, ציט זיך אויס די גלידער פון זיצן צו לאַנג, טרייסלט אָפּ דאָס שפּיל פון זיך ווי א הונט ווען ער גייט ארויס פון וואַ־סער, און לאָזט זיך אויך צום טיר. אין דרויסן פאָרט אונטער א גרויסאַרטיקער אויטאָמאָביל און „מארקאָ“

(דער עולם), שטאָלץ און זיכער ביי זיך, זעצט זיך אין אים אריין, פאַרהאַקט פעסט די טיר און סטאַלירט זיך איין באַקוועם און אנגענעם, און פאָרט זיך אוועק, ווי שטענדיק, א צופרידענער מיט זיך, צו לעבן ווייטער זיין פריערדיק לעבן.

א מערקווירדיקער פינאַל. עס דערמאָנט אָן די גאַר־גוילן, די העסלאכע פיגורן מיט זייערע שפּאָטישע העויות אויף די ווענט פון די מיטלאַלטערלאכע קירכן, די קינדער פון טייוול, וואָס שפּאָטן פון די פרומע דאוו־נער, ווען זיי גייען אין קלויסטער אריין...

אָט אזאַ „לאַנגע צונג“ ווי יענע גאַרגוילן שטעקט אַניל ארויס אין דעם דאָזיקן מאָדנעם עפּילאָג אויף זיין מאַרקאָ־עולם, ווען ער גייט ארויס פון דעם מאַרקאָ־שפּיל. עס איז א לאַנגער פינגער, מיט וועלכן דער דיכ־טער טייטלט ביזן גאַס ארויס, אין מאַרקאָס אויטאָמאָ־ביל אריין, אין זיין היים, אין זיין געשעפט, אז קיין זאַך וועט אים שוין ניט העלפן, ס׳איז א פאַרלאָרן שפּיל, מאַרקאָ וועט בלייבן מאַרקאָ, און די שענסטע קונסט, און דער שענסטער שפּאָט וועלן פאַלן אויף זיין נשמה ווי טוי אויף טויטע בלעטער.

און ווירקליך, אין ערגעץ שפּרייטן זיך ניט אידייען אזוי שווער און פּאַמעלאך ווי אין מאַרקאָ׳ס לאַנד.

דאָך איז דאָס ווערק געבליבן שטעקן אין אמעריקע ווי דער שפּיז פון דעם טאָרעאַדאָר אריינגעיאָגט אין רוקן פון ווילדן אָקס.

3.

„לאזארוס האָט געלאַכט"

אויב „די תאווה אונטער בוימער" איז די דראַמע פון שוואַרצער און שטייניקער ערד, איז „לאַזאַרוס האָט געלאַכט" די דראַמע פון לויטערן, זאַנפטן הימל. „לאַזאַרוס האָט געלאַכט" איז די דראַמע פון ליכטיקן גייסט, די דראַמע פון זעלישער דערלייזונג. זי איז ווי א ברייטער, פריילאכער, זון־באַגאָסענער זומער־טאָג, וואָס ליגט ליכטיק אויסגעשפּרייט געגן הימל. עס איז א דראַמע פון העכסטער גליקזעליקייט. עס איז א פייערלאַך־גוואַלטיק ווערק..

די טעמע פון דער דראַמע איז דער טויט. עס איז די איינפאַכסטע טעמע אין דער וועלט — ווייל ווער קען ניט דאָס פאַרמאַסקירטע געזיכט פון טויט? — און צוגלייך די טיפסטע טעמע אין דער וועלט — ווייל ווער קען דען דאָס געזיכט הינטער דער מאַסקע? אָבער דאָך, עס זיינען דאָך געווען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט, זיינען געשטאָרבן און זיינען צוריק אויפגעשטאַנען צום לעבן. פון אזעלכע מענטשן ווערט דערציילט אין דעם אַלטן טעסטאַמענט און אין דעם נייעם. זיי מוזן עס דאָך וויסן. זאָל ניט דער דיכטער גיין פרעגן איינעם פון אָט די מענטשן דעם באשייד פון טויט?

יודזשין אָניל איז אוועק צו איינעם פון זיי. ער האָט אויסגעקליבן לאַזאַרוס'ן. פון אים ווערט דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן און איז פיר טעג צייט געלעגן אין קבר. נאָר יעזוס האָט באַוויזן אַ מופת און לאַזאַרוס איז צוריק לעבעדיק געוואָרן. אים, הייסט עס, איז אַנטדעקט געוואָרן דער היים-געגאַרטער סוד. עס איז אים געגעבן געוואָרן צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט קבר. ער איז געווען דאָרט, פון וואַנען קיינער קומט ניט צוריק, און איז צוריקגעקומען, אַ נשמה וואָרעם, אָקאָרשט פון גאָט. פיר טעג צייט האָט ער פאַרבראַכט הינטערן שוואַרצן פאָרהאַנג, וואָס זשע טוט זיך דאָרט? איז דאָרט אייביק ליכטיק? איז דאָרט אייביק פינסטער?

לאַזאַרוסעס ענטפער איז דער אינהאַלט פון אָניל'ס דראַמע. די גאַנצע דראַמע איז נאָר לאַזאַרוסעס פאַרזוך צו געבן דער מענטשהייט צו פאַרשטיין דעם טעם פון טויט.

לאַזאַרוסעס ענטפער באַשטייט אין אמתן נאָר פון צוויי ווערטער — „יאָ" און „ניין". דאָס איבעריקע איז דרש. אָבער וואָס פאַר אַ „יאָ" און „ניין" דאָס זיינען! ער זאָגט „יאָ" און אין דער איינציקער זילבע הערט זיך דאָס באַגייסטערטע באַיאָען פון גאָר דעם לעבן, דאָס גליקלאַכע מקבל-זיין פון אַלע וועלטן; ער זאָגט „ניין", און עס פילט זיך די פאַרלייקענונג פון טויט און אונטערגאַנג, די פאַרנייגונג פון אַלדאָס בייז אויף דער וועלט. ניט אין די ווערטער גופא ליגט אַזוי פיל זין און באַדייט, נאָר אין דער שטים. ווארום ווי זאָל דאָס געהערטע וואָרט אויסדריקן די שטילסטע געהיימעניסן

פון דער וועלט? בלויז געמיט און גייסטיקער צושטאנד קענען געבן אן אנונג פון דעם טעם פון טויט. און דעם געמיט גיט לאַזאַרוס איבער דורך א שמייכל, וואָס איז פול מיט איבערערדישער גליקזעליקייט, דורך א געלעכ־טער, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן אויף דער וועלט. עס איז א געלעכטער, וואָס פארשכורט די אויערן, ווי וויין דאָס האַרץ, א געלעכטער, וואָס קען נאָר קומען „פון איינעם, וואָס איז אין ליבשאַפט מיט גאָט". און קיינער קען ניט ביישטיין דעם געהיימניספולן כח פון דעם הייליקן געלעכטער. אלע, וואָס הערן אים, מו־זען מיטלאַכן. עס לאַכן אלץ און אלע אַרום לאַזאַרוס'ן, די פאַרזאַמלטע קהילה, די טישן און די בענק, די ווענט פון הויז, דער באָדן אונטער די פיס, דער ווינט און דער ים אין דרויסן, דער פרילינג, וואָס קריכט פון דער ערד אַרויס, — אלץ וויגט זיך פונאַנדער אין דעם ריטם פון א גרויסן, ליכטיקן, פרייען, פריידיקן געלעכטער פון נשמה און גאָט.

„עס איז פאַראַן בלויז לעבן! — לאַכט לאַזאַרוס די גרויסע בשורה אין דער וועלט אריין — איך האָב גע־הערט דאָס האַרץ פון יעזוסן לאַכן אין מיין האַרצן. — עס איז פאַראַן דאָס אייביקע לעבן אין ניין — האָט ער געזאָגט — און דאָסזעלביקע אייביקע לעבן אין יאָ. — טויט איז די מורא אינדערמיטן!"

יאָ און ניין, לעבן און טויט, דאָס איז אלץ איין־און־דיזעלביקע זאַך — לעבן. עס איז גאָר ניטאָ קיין טויט אויף דער וועלט. עס איז פאַראַן בלויז לעבן. דער טויט איז געשטאָרבן, די מורא איז געשטאָרבן. ווען לאַזאַרוס

איז געלעגן אין טויט און איז מער ניט געווען פלייש פון פלייש און בלוט פון בלוט, נאָר איז געווען ערד פון ערד און שטיין פון שטיין, האָט ער געפילט דאָס גרויסע האַרץ פון דער וועלט ביי זיך אין האַרצן, און האָט גע־שפּירט, אַז אינעווייניק אין גרויסן האַרצן פון דער וועלט איז גאָלע געלעכטער און פרייד. די פרייד פון זיין. ניט פון לעבן, נאָר פון זיין. וואָרום זיין אין מער ווי לעבן. זיין איז אייביק. עס איז אפשר דאָ טויט פאַר לעבן, אָבער עס איז נישטאָ קיין טויט פאַר זיין. דאָס, וואָס איז, — איז געווען, איז און וועט זיין. ווער עס לעבט דער קען שטאַרבן, אָבער ווער עס איז — יענער לעבט אייביק. דעריבער, זאָל דער מענטש אָפּקערן זיין קוק פון לעבן און עס ווענדן אויפן זיין. דערין ליגט דער סוד פון אומפאַרגיין. מען דאַרף אַריבערטראָגן דעם שווער־פּונקט צום סאַמע צענטער, וואָס איז זיין. אַלץ איז זיין, אַלץ איז גאָט, גאָט איז זיין, זיין איז געטלאַך, די געט־לאַכקייט איז פרייד אין זיין, עקסטאַז, געלעכטער. זאָגט לאַזאַרוס: „אַלס מענטש ביזטו אַ בלעזל, וואָס דער טויט פּיקט אויף אין אַ ליידיקער און שפּאָטישער שטיל־קייט אריין, אָבער אַלס שטויב ביזטו אייביקע פאַרענ־דערונג, אייביק וואַקסן, אַ קלאַנג אין דעם שאַליקן גע־לעכטער, וואָס טראָגט זיך דורכן תהו־ובהו, פון דעם טיפן האַרצן פון גאָט! טאָ זיי שטאָלץ, דו שטויב, וואָ־רום דעמאָלט קאָנסטו ליב־האָבן די שטערן ווי דיינס גלייכן!״

דער מענטש — איינס מיט די שטערן, איינס מיט שטויב, ליכט און גאָט — געווים אַ גרויסער און געהויי־בענער שיקזאַל. און ווער עס באַגרייפט דאָס נאָר איין

מאָל, פאַר יענעם איז דער טויט — טויט, שרעק איז טויט, און עס בלייבט נאָר דערהויבונג, עקסטאַז און געלעכטער.

עקסטאַז, באַגייסטערונג—אַן עקסטאַז, וואָס נעמט אַרום די וועלט און אירע באַשעפענישן, ווי דער פעלד־מאַן נעמט אַרום זיין גאַרב ; א באַגייסטערונג, וואָס מישט אויס דעם אייגענעם איך מיטן שטויב פון דער וועלט, ווי זאַלץ מישט זיך אויס מיט וואַסער — אָט דאָ, אויף דער מדרגה הערט אויף דער טויט און עס הויבט אָן דאָס אייביקע לעבן. דאָס האָט לאַזאַרוס געלערנט אין די פיר טעג אין קבר.

אַן איידעלן געדאַנק און א געהויבענעם האָט לאַ־זאַרוס אריינגעוואָרפן אין דער וועלט, דעם געדאַנק, אז דער זין פון לעבן קען צום בעסטן דערגרונטעוועט ווערן איז עקסטאַטישקייט, וואָס דאָס הייסט אין צוגעטאָנענ־קייט צו דער וועלט און אירע זאַכן, און וואָס דאָס הייסט, ווייטער, אין פאַרנייגען בייז און רשעות. אויף אַזאַ אופן זאָגט לאַזאַרוס, אויף אַן אַרומיקן, אביסל מעטאַפיזישן שטייגער, נאָכאַמאָל איבער דעם גרונט־זין פון קריס־טענטום, וואָס איז אויך דער אור־זין פון אידנטום, דעם ואהבת לרעך כמוך. אין דעם תוך פון „זיין” ליגט, ווי א קערן אין דער שאָלאַכץ, דער עקסטאַז, און אין תוך פון עקסטאַז ליגט די ליבע אלס יסוד. „דאָס לעבן איז פאַר יעדן מענטשן אַן איינזאַמע צעל — זאָגט לאַזאַרוס צום בלוטדאָרשטיקן און טויט־דערשראָקענעם קאַליגולא — א צעל מיט ווענט פון שפיגלען. דערשראָקן איז קאַליגולא פון די תנועות, וואָס ער אליין מאכט. אָבער

איך היים דיר לאַכן אין שפּיגל, בכדי אַז ווען דו וועסט זען דיין לעבן אַ פּריידיקס, וועסטו קאָנען אָנהויבן לעבן ווי אַ גאַסט און ניט ווי אַ געפאַנגענער".

„לאַזאַרוס האָט געלאַכט" איז דעריבער אַ דראַמע פון גייסט, פון דעם אינערן ווערט פון עקזיסטענץ. עס איז אַ פילאָזאָפישע און עטישע דראַמע צוזאַמען. זי זוכט, פילאָזאָפיש, דעם סאַמע פעסטן פונקט אין דער וועלט פאַרן מענטשן זיך אָנצושפּאַרן, און, עטיש, דעם גליק־לאַכסטן וועג פאַרן מענטשן צו טרעטן אויף אים. עס איז אַ ווערק פון העכסטער בענקשאַפט נאָך דערלייזונג. עס איז אַ געראַנגל צווישן גוטן און שלעכטן יסוד. עס קעמפן צוויי קרעפטן: די גרוי־ערדישע, וואָס באַשאַפט לײדנשאַפט, שנאה, שמערץ, און די גייסטיק־הימלישע, וואָס דערהויבט צו השלמה און ברענגט זעלישע רואי־קייט און אינערע האַרמאָניע. „לאַזאַרוס האָט געלאַכט" איז דער אָפּקער פון יעדער מאַטעריע און דער אריינ־גאַנג צו אבסאָלוטער פרייהייט אין גייסט. צוויי פּראָ־טאַגאָניסטן האָט די דראַמע: מענטשהייט און לאַזאַ־רוס, לאַזאַרוס און די וועלט. לאַזאַרוס איז גייסט, די וועלט איז חומר. לאַזאַרוס וויל דעם מענטשן מאכן צו „גאָטס זון" אָבער דער מענטש איז בלויז אַ ילוד־אשה, לאַזאַרוס רופט צו באַגייסטערונג און דערהויבונג, קעגן דער גראַוויטאַציע פון טעמפּער ערד. אָבער דעם מענטשן ציט צו דער מוטערס ברוסט, צום ווייבלאַכן פּרינציפּ, וואָס האָט מקבל געווען דעם ערדישן שיקזאַל. די וואָפן פון דער מענטשהייט קעגן לאַזאַרוס'ן איז די מאַכט פון געוואַלט. לאַזאַרוס'עס כלי־זין איז זיין גע־לעכטער, אַ געלעכטער, וואָס איז אויסשטראַלונג פון

דער אוניווערסאלער נשמה, דער סוד פון מאַטעריע און גייסט אין זייער צונויפגוס.

א גרויס און גוואַלטיק פּראָבלעם, איז די דראַמע אויפגעבויט מיט א גוואַלטיק־גראַנדיעזן פּאַרנעם. געבויט איז די דראַמע, מערקווירדיק, ווי א גרויסער צלם. אין איין ריכטונג גייט זי אין דער לענג דורך דער געשיכטע, און אין דער צווייטער — אין דער ברייט דורך דער מענטשהייט. לאַזאַרוס גייט דורך מיט זיין געלעבטער א האַלבע געשיכטע, יהודה, גריכענלאַנד, רוים; און באַגלייט ווערט ער אויף יעדן שריט מיט א מענטשן־מאַסע, וואָס פּאַרטרעט די טיפּישע מענטשהייט פון אלע ציייטן. דאָס לעצטע דערגרייכט אָניל דורך זיין באַליבטן מיטל, די מאַסקעס. אלע מענטשן ארום לאַזאַרוס'ן טראָגן מאַסקעס, וואָס שטעלן פּאָר די זיבן פּעריאָדן פון מענטשלאכן לעבן און זיבן קאַרדינאַלע מענטשלאכע טיפּן. די לעבנס־פּעריאָדן זיינען: קינדער־יאָרן, יוגנט, בחורשאַפט, מאַנשאַפט, מיטליאָריקייט, צייטיקייט, עלטער; און די זיבן טיפּן זיינען: דער נאַר, דער צופרידענער, דער גריבלער, דער בעל־גאוה, דער חונף, דער בייזער, דער אָפּגעלאָזענער. סיי די לעבנס־פּעריאָדן, סיי די טיפּן זיינען פּאַרגעשטעלט אין ביידע געשלעכטער. אזוי אַרום איז די דראַמע א קווער שניט דורכן האַרץ פון דער וועלט, און פעלקער־שיקזאַל און אינדיווידועלער שיקזאַל זיינען אין איר קונציק איבערגעפלאָכטן. דורך דער דאָזיקער קינסטלערישער סכעמע ציט דער דיכטער אריין אלע מענטשן אין היסטאָרישער און פּערזענלאכער באַציאונג אין דעם גרויסן פּראָבלעם פון לעבן און טויט. ערגעץ וואו ווערט יעדער מענטש

פון יעדן עלטער, פון יעדן כאַראַקטער, פון יעדער קול־טור, אָנגערירט פון דער גרויסער מיסטעריע. „לאַזאַרוס האָט געלאַכט״, איז א וואָרע פעלקער־פּראָצעסיע אין דער געשיכטע, א פּראָצעסיע, וואָס איז עולה־רגל צו דער העכסטער עקזיסטענץ.

די טראַגעדיע פון „לאַזאַרוס האָט געלאַכט״ איז די טראַגעדיע פון יעדער גרויסער אידייע. „צו זיין גרויס איז צו זיין ניט־פאַרשטאַנען״. לאַזאַרוס׳עס געדאַנק, וואָ־רעם מיט איידעלן האַרץ־בלוט, ווערט צו אייז אין דער קאַלטער לופט פון דער וועלט. אין יעדער נייער כלי, אין וועלכער ער ווערט אריינגעטריפט, ווערט ער איינגע־פראָרן אין אן אנדער געשטאַלט. שוין אין יהודה, ביי לאַזאַרוס׳עס לאַכעדיקע פּים, קומט פאַר די ערשטע בלוט־פאַרגיסונג ארום זיין לערע. ווען צו די גריכן דער־גרייכט די גרויסע בשורה פון לאַזאַרוסן און זיין לאַכן, לאָזן זיי ארוים דעם געשריי: דאָס איז דיאָניסוס אויפ־געשטאַנען תחית־המתים! און ווען ער באווייזט זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ אין אַטען, אויף זיין געפאַנגענעם מאַרש קיין רוים, וואַרפן זיי אויף אים ארויף די פעל פון אן אָקס מיט גאָלדענע הערנער, האָפנדיק, אז ער וועט מיט זיין געלעכטער אריינלאַכן די רוימער, זייערע באַזיגער און אונטערדריקער, אין ים אריין. און פרויען, ווען זיי זעען אים, גלוסטן צו אים, ווי סאַלאָמע האָט גע־גלוסט צו יוחנן. און די רוימער, די אומדיכטערישע, די אומפילאָזאָפישע, די פראַקטיקער פון דער וועלט, קענען לאַזאַרוסן נאָך ווייניקער תופס־זיין. זיי קענען ניט פאַרשטיין דעם צאַרט־דיכטערישן זין פון זיין לערע. זיי קענען אנדערש ניט פאַרשטיין ווי נאָר, אַז לאַזאַרוס

האָט אָפּגעשאַפט דעם טויט בפועל ממש און יעדער וויל אויסנאַרן דעם סוד פאַר זיך און פאַר זיך אליין: קאַליגולא, דער יורש עצר, כדי ער זאָל רואיק קאָנען טויטן צעזאַרן און וואָס גיכער פאַרנעמען זיין פּלאַץ, און טיבעריוס, צעזאַר אליין, כדי צו קענען זיין ממשלה אייביק-מאַכן. די אידייע פון עקסטאַטישן אלטרואיזם, וואָס דאַרף די וועלט אויסלייזן, ווילן זיי עגאָאיסטיש פאַר זיך נאָר, כדי די וועלט נאָך פעסטער צו אונטעריאָכן.

רוים איז גלייך אין אָנהויב אויפגעשטאַנען קעגן לאַזאַרוס׳עם געלעכטער. מיט דעם פּראַקטישן חוש פון וועלט-באַהערשער זעען זיי אין אים א טויט-געפאַר פאַר זיך. שרייט קאַליגולא: „דיין געלעכטער איז צו שרעקלאַך פאַר אונז, מען מוז ראַטעווען דעם טויט פון אים!“

וואָרום רוים דאַרף האָבן דעם טויט. דער טויט איז דער יסוד, אויף וועלכן זי רוט. רוים איז מאכט, און מאַכט איז מורא, און מורא שותפט זיך מיט טויט. לאַזארוסעס געלעכטער שאַפט אָפּ די מורא און דעם טויט און דעריבער האָט רוים מורא פאַר לאַזאַרוסן. און ווי זאָל זי ניט מורא האָבן פאַר אים? ווען לאַזאַרוס איז געגאַנגען אין וועג און האָט געלאַכט, „האָבן שקלאַפן פאַרגעסן זייערע קייטן“. און אפילו נאָך מער: די רוימישע לעגיאָנערן, טיבעריוסעס געטרייסטע און בעסטע, זיינען אזוי מיטגעריסן געוואָרן פון לאַזאַרוסעס געלעכטער, אַז זיי האָבן אים פּראָקלאַמירט פאַר צעזאַר. מער ניט, לאַזאַרוס האָט זיי מיט פרייליכן שפּאָט געזאָגט:

„וואָס איז דען — צעזאַר?" — און: „ווען מענטשן מאַכן געטער, דאַן איז קיין גאָט ניטאָ". גוט, וואָס ער האָט אזוי געזאָגט, אָבער ווען ניט? דאַן וואָלט דאָך צעזאַר פאַרלאָרן זיין מאַכט. ווי זאָל רוים ניט ציטערן פאַר לאַזאַרוסן מיט זיין געלעכטער? געלעכטער איז באַפרייאונג.

פונדעסטוועגן, כאָטש די וועלט נעמט אויף לאַזאַרוסעס אידייע אזוי גשמיות׳דיק, דאָך קען זי ניט ביישטיין איר הייליקן כח. לאַזאַרוס לאַכט און אלע מענטשן, וואָס פאַלן אריין אין דעם געלעכטער, לאַכן מיט און ווערן אוועקגעטראָגן אויף די כוואַליעס פון דעם געלעכטער אין די אויבערשטע וועלטן. מער ניט, זיי האַלטן זיך דאָרט ניט לאַנג. ווי פייגל מיט ווייניק פליקראַפט לאָזן זיי זיך באַלד אראָפּ צוריק. לאַזאַרוס באַזיגט זיי מיט זיין געלעכטער, אָבער נאָר אין גרויסע מאָמענטן אויף קורצע ווילן. „די מענטשן פאַרגעסן — באַדויערט לאַזאַרוס—ווען זיי וואָלטן נאָר געקענט ניט פאַרגעסן!" ווי אויף א וואָגשאָל וויגן זיי זיך: א ווילע ארויף א ווילע אראָפּ. אויף שטענדיק גובר זיין די ערדגראַוויטאַציע—דאָס זיינען זיי ניט בכח. יחידים נאָר קענען עס. אָבער פון די יחידים נעמט זיך אויך צונויף א היבשע צאָל, און ווען לאַזאַרוס גרייכט צו די טויערן פון רוים, זיינען שוין זיינע נאָכפאָלגער א גאַנצע מחנה: אידן, גריכן, עגיפּטער, סיריער, לידיער... און אָנצוהערעניש אז אין תוך, ביים עיקר פון אלע עיקרים, זיינען פעלקער און ראַסן און רעליגיעס אלע איינס.

רוים מיט איר צעזאַר זיינען אין שרעק פאַר דער מאָדנער לאַכעדיקער מאַסע, מיט איר נביא, וואָס איז

ווי פון ליכט געוועבט. און צעזאַר וויל, שנעל און גרויזאַם, שטעלן די זאַך אויף פּראָבע. מגושמדיקע, פאָדערן די רוימער אַ מגושמדיקן צייכן פון לאַזאַרוסן: זיי וועלן טויטן און ער זאָל לעבעדיק מאַכן. און צעזאַר שיקט אַ מחנה לעגיאָנערן צו טויטן די מחנה לאַכער, וואָס שטייען הינטער די ווענט.

און דאָ קומט פּאָר אַ סצענע — איינע פון די הערלאַכסטע אין דער ליטעראַטור. לאַזאַרוס שטייט הויך אויף דער פעסטונג-וואַנט אין ווייסן געוואַנט געוויקלט, זיינע הענט און געזיכט צום הימל געהויבן, און לאַכט זיין הימלש געלעכטער. זיין מחנה הינטער די פעסטונג-ווענט לאַכט זיך פאַנאַנדער, צוערשט איינציקווייז, דערנאָך גרופּנווייז, דערנאָך מאַסנווייז. די רוימישע סענאַטאָרן, די ציניש, די דעגענערירטע ווערן אריינגעצויגן אין דעם געלעכטער. די לעגיאָנען, וואָס גייען טאָן די אַרבעט פון טויט ווערן אויך מיטגעריסן פון דעם קייכעדיקן געלעכטער. און לאַזאַרוסעס לייט נעמען איבער די שווערדן פון די רוימישע לעגיאָנערן און מיט פרייד און געלעכטער שעכטן זיי זיך אליין. זיי שעכטן און לאַכן און אַלץ וויגט זיך פאַנאַנדער אין אַ מעכטיקן געלעכטער פון התלהבות און התרוממות. דער הימל פאַלט אויך אריין מיט דונערן און בליצן אין דעם ריטם, אין דעם טאַקט פון דעם געלעכטער און הימל און ערד ווערן צונויפגעגאָסן אין אַ מעכטיקן געזאַנג פון עקסטאַז.

עס איז אַ גלאַררייכע סצענע. עס איז אַ סצענע, וואָס שעקספּיר וואָלט מקנא געווען. די שטורעם-סצענע פון „קיניג ליר" איז בלאַס אין פאַרגלייך דערמיט.

מען ווייזט לאַזאַרוסן די בערג מיט הרוגים און מען טייטלט מיט די פינגער: זיי זיינען טויט, טויט ווי אלע טויטע. וואו איז דיין וואונדער אויב דיין לערע איז ניט שקר?

אָבער לאַזאַרוס, א באַגייסטערטער, דערקלערט זיי דעם זין פון זייער טויט, דעם זין וואָס איז דער עיקר, וואָס איז אלץ: „האָבן זיי דען ניט געלאַכט, שטייענדיק פנים־אל־פנים מיטן טויט? — פרעגט ער — דאָס האָבן זיי געלאַכט — טויט צום אלטן טויט! דאָס האָבן זיי געזאָגט: אמאָל זיינען מיר אראָפּגעקומען אהער ווי ציטערדיקע שפרענקלאך ריטם פון דער זון. איצט גייען מיר צוריק אין דער זון — מיר ווילן שטאַרבן! מיר ווילן ווערן צוריק די עסענץ פון גאָט — אָ גאָט, איך בין דיין געלעכטער, און דו ביזט מיינער!"

אזוי דערקלערט לאַזאַרוס דעם זין פון זייער שטאַרבען, דעם זין פון שטאַרבן. אָבער צעזאַר פאַרשטייט ניט. עס פאַרשטייט אויך ניט מרים, לאַזאַרוסעס ווייב און באַגלייטערן אויף זיין מארטירער־וועג. פאַר איר זיינען די געשטאָרבענע — קינדער, וואָס זייער טויט וועט ברענגען צער צו מאַמעס, און זי וועקט באַדויערן ביי לאַזאַרוסן. איין מאָמענט רופט זי אים אפילו אינגאנצן זיך אומצוקערן. מרים איז א טיפער סימבאָל אין דער דראַמע. מרים גייט טריט־נאָך־טריט מיט דעם לאַכעדיקן לאַזאַרוס, אָבער זי לאַכט קיינמאָל ניט. ווען אלע אַרום לאַזאַרוסן וויגן זיך אין געלעכטער בלייבט מרים טרויעריק. זי איז די עצבות פון דער וועלט. זי איז די מוטער, וואָס קעכלט לעבן און טרויערט אויף טויט. און

נאָך א צווייטער סימבאָל איז אויסגעוועבט אין דער מרים-געשטאַלט: ווען לאַזאַרוס טרעט אויף אין דער ערשטער סצענע, איז ער פופציק יאָר אַלט און מרים פינף און דרייסיק; מיט יעדער ווייטערדיקער סצענע ווערט ער אַלץ אינגער און זי אַלץ עלטער. לאַזאַרוס איז אין אָניל׳ס דראַמע אַזוי ווי די מלאכים אין סוועדענבאָרג׳ס מיסטישן הימל, וואָס גייען שטענדיק אנטקעגן דעם פרילינג און ווערן אַלץ אינגער, וואָס עלטער זיי ווערן. לאַזאַרוס ווערט אַלץ אינגער, וואָס פאַרגייסטיקטער ער ווערט. אָבער מרים ווערט אויף אַזוי פיל עלטער, אַז ביז ער דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה פון עקסטאַז, שטאַרבט זי אינגאַנצן אויף זיינע הענט. די עצבות ווערט איבערוועלטיקט פון דעם גייסט, דעם מענלאַכן פרינציפ, וואָס איז גובר דעם פרינציפ פון ווייבלאַכקייט, פון מוטערשאַפט, פון הויזלאַכקייט, פון עצבות, פון ערדישקייט. פרוי איז ערד, מאַן איז שטערנליכט.

די רוימער זיינען פון לאַזאַרוסעס וואונדער געפּלעפט אָבער ניט איבערצייגט. די רוים וואָס לאַזאַרוס ווערט אַהין געבראַכט א געפאַנגענער, איז אַן אמת׳ע וואוינונג פון טייוול. די טיפסטע און נידעריקסטע מענטשלאַכע ליידנשאַפטן זיינען אין איר איינגעזאַמלט: גנבה און גזילה און רציחה, הונגער נאָך מאַכט און דאָרשט נאָך מענטשלאַך בלוט, די פולסטע גייסטיקע דעגענעראַציע, אויסגעלאַסנקייט ביז צעפאַלונג. קיין מער טויטלאַכער מאָראַלישער משפט איבער דער גרויסער אימפעריע איז, דאַכט זיך, אין ערגעץ ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן. און אַהער, אין דער לופט פון פעסט, ברענגט לאַזאַרוס

די הײלזאַמקײט פון גײסט. און עס שטעלט זיך אַרױס א גװאַלטיקער קאָנטראַסט פון קולטורן. לאַזאַרוס לערנט: „אויב דו קענסט ענטפערן מיט יאָ אויף שמערץ, דאַן איז ניטאָ קײן שמערץ.‟ דאָס איז אידישע פילאָזאָפיע; דאָס איז די קולטור פון גײסט. צעזאַר זאָגט: „געלעכטער איז בײז, די געטער זײנען טױט, דאָס לעבן איז א חולאת‟. דאָס איז רױמישע פילאָזאָ־פיע; דאָס איז די קולטור פון מאַטעריע.

אָבער אַלע דיכטערישע טיפזיניקײטן לאַזאַרוסעס קענען ניט דורכדרינגען צעזאַרס גײסטלאָז האַרץ, און רױם טוט מיט לאַזאַרוסן, װאָס זי האָט אײביק גע־טאָן מיט מאַרטירער פון גײסט: צום שײטערהױפן! און װידער א סצענע פון גראַנדיעזער טעאַטראַלישקײט. גאַנץ רױם איז פאַרזאַמלט, און אין מיטן פון רױם׳ס שענסטן גלאַנץ װערט לאַזאַרוס פאַרברענט. נאָר ער ברענט און לאַכט, ברענט און לאַכט. און דאָס גאַנצע פאַרזאַמלטע רױם קוקט און הערט און שטױנט און קען זיך ניט באַהערשן און הױבט אָן מיטצולאַכן, און לאַכט און לאַכט, װיגט זיך אין לאַכעדיקע כװאַליעס, און לאַכט ביז שרעק און משוגעת.

רױם איז מגושמדיק און האָט געפּאָדערט מגושמ־דיקע באַװײזן. זײ האָבן אױסגעשלאַכט לאַזאַרוסעס מחנה נאָכפאָלגער און האָבן זיך אלץ ניט איבערצײגט; זײ האָבן געגעבן גיפט זײן באַגלײטערן און זײנען גע־בליבן אומבאַפרידיקטע. ביז זײ האָבן, ענדלאַך, אים אלײן געטױט און זײנען — אראָפּ פון זינען.

און דאָס איז לאַזאַרוסעס סוף: ער איז אויפגע־גאַנגען אין דער ליכטיקער זון פון מזרח און איז אוים־געגאַנגען אין דעם רויכערדיקן שייטערהויפן פון מערב. אָבער ער האָט איבערגעלאָזן א משוגעת אין האַרץ פון רוים, אין האַרץ פון דער וועלט — די משוגעת פון גייסט.

די דראַמע הויבט זיך אָן אין יהודה, ציט דורך גריכענלאַנד, אָבער שפּילט זיך פאַקטיש אינגאַנצן אָפּ אונטער דער צעזאַרישער הערשאַפט. וואָרום יהודה און גריכענלאַנד זיינען אין דער צייט שוין אונטער צע־זאַרס ממשלה. אָבער צעזאַר איז רוים און לאַזאַרוס איז ירושלים, און די דראַמע איז אין אמתן א דראַמע צווי־שען רוים און ירושלים, צווישן היידנטום און אידנטום. עס איז די אלטע שאַצונג און ווערטונג פון די צווויי וועלט־באַנעמען, אָבער פון א נייעם שטאַנדפּונקט אַרויס, פון דעם שטאַנדפּונקט ניט פון לעבן, נאָר פון טויט. לאַזאַרוסעס מאַרש דורך דער דראַמע איז אין אמתן דער מאַרש פון אידישן גייסט איבער דער ערד. ווען דער רוימישער סענאַטאָר ווייזט אויף לאַזאַרו־סעס שטראַליקער געשטאַלט און פרעגט: „ווי אזוי מאַכט עס, אַט־דער איד, אז דאָס ליכט זאָל גיין פון אים?“ איז די פראַגע חל ניט נאָר אויף לאַזאַרוסן נאָר אויפן גאַנצן אידישן פאָלק. „לאַזאַרוס האָט געלאַכט“ איז א גוואַלטיקע דראַמע פון צוויי וועלטן, א העראָ־אישע ראַנגלעריי פון צוויי לעבנס־פּרינציפּן: די פּרינ־ציפּן פון מאַטעריע און גייסט, פון מאַכט און ליבע. קעגן דער גרויסמאַכט פון רוים וויל לאַזאַרוס אויפשטעלן א גרויסמאַכט פון גייסט. קעגן דער וועלט פון זין

שטעלט ער ארוים די וועלט פון איבערזין. דוים וויל דאָס לעבן אונטערדריקן, לאַזאַרוס וויל דאָס לעבן אַזוי הויך ווי מעגלאך בויען. רוים וויל די וועלט אין זיך פאַרשלינגען, לאַזאַרוס איז דאָס אוועקביינקען פון דעם דראַנג פון דער וועלט. „לאַזאַרוס האָט געלאַכט" איז אַ וועלט־שפיל. עס געהער צו די ווייניקע קאָסמישע דראַמען אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דאָס איז דאָס ווערק אין ברייטער פּערספּעקטיוו. אין ענגערער פּערספּעקטיוו קאָן מען די דראַמע אָנרופן די אויסדיכטונג פון׳ם וויסנשאַפטמאַנ׳ס רעליגיע. כאָטש דאָס ווערק איז געשאַפן אין רעליגיעז־צעגליטער פאַנטאַזיע, דאָך טרעט עס אויפן הארטן באָדן פון קאַלטער וויסנשאַפט. דער געדאַנקען־גאַנג איז ניט קיין מיסטיש־רעליגיעזער נאָר אַ ניכער־וויסנשאַפטלאכער. אין זיין העכסטער דערהויבונג און אין זיין פאַנטאַסטישסטן פליען זאָגט ניט לאַזאַרוס ארוים קיין איין וואָרט, וואָס זאָל ניט שטימען מיט דעם וועלט־באַנעם פון דעם מאַטעריאַליסט:

דער מענטש איז שטויב פון שטויב, אַ לייבלאַכער ברודער פון שטיין און בוים — זאָגט דער וויסנשאַפטמאַן. אַזוי זאָגט אויך אָניל דורך לאַזאַרוסן. נאָר ער גיט צו: „איז געלויבט זאָל זיין דער טויט, וואָס נעמט אריין דעם מענטשן אין דער גרויסער משפחה פון שטויב און ליים און מאכט אים איינס מיט זון און שטערן". אָניל נעמט דעם טרויעריקן פאַקט און באַצירט אים מיט דעם חן פון שיינקייט. פון שטענדיק אָן, פון לוקרעציוס ביז טאָמאַס האַרדי, איז דער מאַטעריאַ־

ליזם געווען דער קוואַל פון פּעסימיזם. „פון שטויב ביזטו געקומען און צו שטויב וועסטו זיך אומקערן" איז אייביק געווען א טרויעריקער מאמר. אַניל נעמט די טונקעלע לערע פון מאַטעריאַליזם און דערהויבט זי צו פּאָעטישער פרייִדיקייט. ער לערנט אַריינצופילן די אייביקייט פון די שטערן אין אונזערע גלידער, אין אונזער לייב. עס איז א העלדישער פּאַרזוך פון דער דיכ־טערישער פאַנטאַזיע גובר צו זיין דעם יאוש פון טויט. עס לערנט א גרויסע מענשלאַכע העראָאישקייט, עס שטעלט אויף א גרויסע מענטשלאַכע ווערדע אין דער סכעמע פון דער וועלט: דער מענטש איז שטויב, יאָ, אָבער געטלאַכער שטויב.

אין דער סכעמע פון אַנילס אייגענע ווערק איז „לאַזאַרוס" די אמתע אויפבינדונג פון זיין דיכטערישער קראַפט. דאָ, צום ערשטן מאָל אין זיין ווערק, באַגע־גענען זיך דער נידעריקסטער און העכסטער שכל אין זיין קונסט. און דאָ ווערט אויך דערגרייכט דער ציל צו וועלכן זיין קונסט האָט זיך געצויגן פון אָנהויב אָן. אין זיינע ערשטע דראַמען פון ים און לאַנד גייען ארום מענ־טשן אויסגעקנאָטענע פון מגושמדיקער ערד, באַלעבט פון שטומפּיקע, רויע אינסטינקטן, אָן גאָט'ס אָטעם אין זייע־רע נאָזלעכער. זיי זיינען די אבסאָלוטע פּאַרקערפּערונג פון אמעריקאַנישן מאַטעריאַליזם און אמעריקאַנישן עגאָ־איזם. שפּעטער אָבער הויבט אָן פון זיין מאַטעריע זיך אויסצוויקלען גייסט און עס קומען זיין „פּאַנטאַן", „גרוי־סער גאָט בראַון", „מאַרקאָ מיליאָנשטשיק" און דאָס גרעסטע אין דעם ציקל — „לאַזאַרוס האָט געלאַכט". א ריזיקן קרייז האָט אַניל אַדורכגעמאַכט מיט זיינע

ווערק; א קרייז פון דער ערד ביז צום הימל, און פון אבסאָלוטן עגאָאיזם ביז אבסאָלוטער זעלבסטלאָזיקייט. אין זיינע ערשטע דראַמען איז אָנילם געזיכט פינסטער צו דער שוואַרצער ערד געבויגן; אין זיינע לעצטע — און דער עיקר, אין „לאַזאַרוס" — איז שוין זיין געזיכט שטראַלנדיק צום הימל געווענדט. אהין, צום הימל, וואו־הין די פונקען פליען און וואו דער גייסט וואוינט. דער גייסט— און די זעלבסטלאָזיקייט, די באפרייאונג פון עגאָאיזם. צעטיילט איז דער ים, צעגרענעצט איז די ערד, אָבער פריי און אַלעמענס איז דער הימל!

און אזוי איז „לאַזאַרוס", די עפּאָפּייע פון טויט — דער געזאַנג פון אויסגעלייזטן, באפרייטן לעבן. די דראַמע איז א פייערלאכער הלל צום גייסט, א העראָאי־שער פאַרזוך די ערד־וועלט צו גייסט־וועלט צו דער־הויבן. עס איז דער גרויסער ווילן זיך צו באהעפטן צום שורש פון זאַכן, דער דורשט זיך אויסצושיילן פון דער שאָלאַכץ פון גשמיות און דעם באַגרעניצטן, און אנט־רינען אין דעם אבסאָלוטן און אומענדלאַכן. עס איז א ווערק, וואָס צילט צו גאָט. עס איז א מעכטיקע אויס־גליאונג פון דער דיכטערישער פאַנטאַזיע, א דיכטונג אזוי פייערדיק און ריין, אז זי גרעניצט זיך מיט היילי־קייט. אין „לאַזאַרוס" האָט א הויך פון קדושה א ווײ־געטאָן איבער דער אמעריקאנישער ליטעראטור, די קדושה פון גרויסן ערנסט, די הייליקייט פון געהויבענער קונסט. אלע גרויסשעפערישע פעלקער פאַרמאָגן „היילי־קע שריפטן", און אלע פעלקער, וואָס שטרעבן גרויס צו זיין, מוזן זיך הייליקע ליטעראטור שאפן. אין „לאַזאַרוס

האָט געלאַכט״ האָט אַמעריקע געקראָגן איר ערשטע עוואַנגעליע.

און דאָס — טראָץ אַן ערנסטן קינסטלערישן חסרון: לאַזאַרוס איז אַ ביבלישע פּיגור, דאָך האָט ניט אַלע מאָל זיין שפּראַך דעם ביבלישן טאָן. אָפט איז זי קאָמפּליצירט ווי דער געשלענגלטער און געפלאָכטענער סטיל פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער פּובליציסטיק. אַזוי, למשל, זאָגט ער אויף איין שטעל: „זיי (געוויסע מענטשן) וויכן אוים זייער מורא פאַרן טויט דורך דעם, וואָס זיי ווערן אַזוי מיד פון לעבן, אַז ווען עס קומט ענדלאַך דער טויט, האָבן זיי צו ווייניק לעבן אין זיך צו קאָנען מורא האָבן פאַרן טויט.״ אַזעלכע רייד קומען אַסך פון לאַזאַרוסעס מויל. די דראַמע איז פול מיט טיפזיניקע שטעלן און תורה׳דיקע שורות, אָבער ליידער צו אָפט אָן דער גראַנדיעזער פּשטות פון תורה׳דיקן סטיל. דער קאָמפּליצירטער סטיל גייט אין האַרצן אריין ווי אַ פּראָפּן-ציער; דער אמתער ביבלישער סטיל גייט — אַ פייל אוימן בויגן. אָניל קען די קראַפט פון דער סצענע, ער פאַרמאָגט אָבער ניט די קראַפט און קולטור פון וואָרט. נאָך זיינע דיאַלעקט-דראַמען האָט ער בכלל אויפגעהערט צו זאָרגן וועגן שפּראַך-סטיל.

ריכטיק באַצייכנט אָניל זיין „לאַזאַרוס האָט געלאַכט״ ווי אַ ווערק פאַר אַ „פאַנטאַסטישן טעאַטער״. עס איז באמת אַ דראַמע, וואָס שפּאַנט וויט אריבער די מעגלאַכקייטן פון טעאַטער ווי מיר קענען אים איצט. דער יסוד פון „לאַזאַרוס האָט געלאַכט״, זיין טראַג-קראַפט איז דער געלעכטער—אין זיך אַליין אַן אינטערעסאַנטע

אינאָוואַציע וואָס באַרגט פאר דער דראַמע דעם כח פון דער אָפּערע. נאָר וואו איז גאָר דער האַלז, וואָס איז געבענשט מיט א געלעכטער, אין וועלכן עס זאָל זיך ראָלן דער הימל, מיט זיינע רוימען, מיט זיינע שטערן, מיט זיין גאָט?! דער מענטשהייט זיינען באַ־קאַנט נאָר צוויי העלזער וואָס וואָלטן זיך געקענט פאַר־מעסטן אויף דעם דאָזיקן געלעכטער: קאַרוסאָ׳ס און שאַליאַפּינ׳ס. אויסערדעם איז אויפן גרונט פון דעם ווערק אריינגעלייגט אזא פאַנטאַסטיק, אז מ׳קען בלינד ווערן פון דער שיינקייט. עס איז באמת א שיינקייט ווי יענער זון־שטראַל אין יהואש׳ס ליד, „וואָס טונקט זיך אין א טייך און ווערט צעפּונקט פון ווינט אויף הונ־דערט קליינע זונען״. די דראַמע איז פול אין אלע ווינ־קעלאך מיט א בלענדיקער בילדלאכקייט. אָניל איז א דיכטער מיט טויזנט אויגן. אן אמת׳ער טעאטער פאַר דעם דאָזיקן גראַנדיעזן ווערק איז מעגלאך נאָר איי־נער, אין דער פאַנטאַזיע: זיינע ווענט זיינען די — האָריזאָנטן, דער קופאָל — דער הימל, דער עולם — די פעלקער פון דער וועלט, און די שוישפילער — גאָט, מענטש און טייוול.

קאַמאַס

ווען מען גייט אריין אין „סטרענדזש אינטערליוד" אָדער „די מאָדנע אינטערליודיע" איז גלייך ווי מען וואָלט אריינגעטראָטן, שטיל און שרעקעדיק, אין אור־אַלטן וואַלד. דאָס ווערק נעמט אַרום ווי עס נעמט אַרום א טיפע נאַכט. עס פאַלט ארויף אויף אונז מיט א גוואַלט ווי דער באַרג אויפן קלענסטן זעמדעלע אין זיין האַרצן. עס טראָגט אונז אוועק אויף זיך ווי עס טראָגט דער ים, גרויס און מעכטיק, א קינדערשיפל אויף זיין רוקן. מיר ציען זיך איין ווי א געפּלאַצטער זייפנבלאָז, און די וועלט ווערט גרויס פון אייביקייט ביז אייביקייט. עס איז א וואונדערווערק פון דעם שטיל שאפנדיקן, רואיק און גוואלטיק וועבנדיקן מענטשלאכן גייסט, וואָס באַוועל־טיקט אונז אזוי ווי די שטיל און געהיימניספול וועבנ־דיקע קראַפט פון דער נאַטור אליין.

די בינע, די פיזישע בינע ווי זי האָט עקזיסטירט פון די עלטסטע צייטן ביז אונזערע אייגענע טעג, האָט אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן אונטער דער העראָאיש־שע־פערישער קראַפט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער „אינטערליודיע". זי איז נאָך קיינמאָל פריער ניט באַ־רופן געוואָרן צו טראָגן אויף זיך אַזאַ גרויסע משא לעבן אויף איינמאָל. עס זיינען פאַראַן ווערק אין דער דראַ־

מאַטישער ליטעראַטור, וואָס זיינען קינסטלעריש פּאָל־
קאָמענער ווי די „אינטערליודיע", אָבער עס איז ניטאָ
אין איר קיין ווערק, וואָס טראָגט אין זיך אַזאַ סומע
וועלט ווי זי. אנדערע ווערק האָבן א טעמע, וואָס זיי
שיילן אויס פון דער וועלט, אָבער די „אינטערליודיע"
האָט ניט קיין טעמע וואָס זי טיילט אַרויס, קיין אינדי־
ווידועלן מאָטיוו וואָס זי הויבט אויף, קיין לאַנדשאַפט
וואָס זי צייכנט אָפּ. מיט דער „אינטערליודיע" איז עס
גלייך ווי א שטיק פון דער ערד וואָלט זיך אָפּגעשפּאָלטן
און אוועקגעפלויגן, א שטיק פון דער ערד מיט אַלץ,
וואָס אויף איר: אירע בערג און אָפּגרונטן און טיפע וואַ־
סערן, איר חלק זון און שטערן, אירע מענטשן—מענער,
ווייבער און קינדער, איר חלק טייוול און גאָט, און דעם
שיקזאַל פון דעם מענטשן צווישן זיי — זיך אָפּגע־
שפּאָלטן און אוועקגעפלויגן א וועלט צווישן די וועלטן.
די „אינטערליודיע" איז אַ קאָסמיש ווערק; זי איז אליין
א קליינער קאָסמאָס. זי איז פאַרקניפּט, ווי די ערד אין
גראַוויטאַציע, מיט ווייטע עבר'ס און ווייטע עתיד'ס,
איז איינגעוועבט אין שייכות מיט אויבערשטע און אונ־
טערשטע קרעפטן און לאָזט אונז פילן און שפּירן דעם
געהיימניספולן שכל, וואָס לעבט אין דער וועלט.

די „אינטערליודיע" שטעלט פאַר א נייע דראַמאַ־
טישע ארכיטעקטור, און א נייע לייזונג פון דעם פּראָ־
בלעם פון כאַראַקטער־מאָלעריי אויף דער סצענע. דאָס
פּראָבלעם, וואָס אָניל האָט געפּרובט און ניט באַוויזן
צו לייזן אין „גרויסן גאָט בראַון", האָט ער דאָ מייס־
טערהאַפט דערגרייכט און געעפנט א נייעם וועג, אנט־

דעקט א נײַ מיטל פֿאַר דער דראַמאַטישער טעכניק. אין „גרויסן גאָט בראון" האָט אָניל געוואָלט פֿאַרשטעלן עטלעכע מענטשן מיט אַמאָל, עטלעכע כאַראַקטערן ווי זיי ראַנגלען זיך אין איין מענטשן, און ער האָט עס געפּרובט דערגרייכן דורך דעם וואָס ער האָט, פֿאַר יעדן באַזונדער כאַראַקטער, געלאָזט דעם העלד אָנטאָן און אויסטאָן אַן אַנדער מאַסקע. אַנדערש איז דאָס פּראָבלעם געלייזט געוואָרן אין דער „אינטערליודיע". די מאַסקע איז דאָ אײַנגאַנצן אָפּגעשאַפֿט און עס ווערט באַנוצט פֿאַרן זעלבן צוועק דאָס נאַקעטע מענטשלאַכע געזיכט. וואָרום איז דען דער מענטשלאַכער פּנים אליין נים קיין מאַסקע? שפּילט עס דען נים אייביק, אין יעדער רגע, אין טויזנטערליי שאַטירונגען און ניואַנסן, און זאָגט עס דען נים אָפּט פּונקט דעם היפּך דערפֿון, וואָס די צונג רעדט? דאָס מענטשלאַכע געזיכט איז באַדעקט מיט טויזנט הויטן און יעדע הויט איז א מאַסקע.

און אָט איינע פֿון די הויטן, יענע וואָס ליגט צום נעענטסטן צו דער אויבערשטער, האָט אָניל גענומען און געמאַכט פֿון איר א מאַסקע. עס איז די הויט, וועלכע דעקט צו דעם אמת, וואָס בלייבט ליגן אין האַרצן בשעת דער ליגן קייקלט זיך פֿון צונג. און ווען דער העלד זאָגט אָפּ זיין ליגן, דאָס הייסט, דאָס וואָס ער וויל אָדער וואָגט צו זאָגן זיינע מיטמענטשן, ציט ער אַרויף יענע צווייטע הויט אויף זיך. זיין געזיכט ווערט פּלוצלונג שטאַר, טרוקן, פֿאַרגליווערט. ער קריגט דאָס אויסזען פֿון א לעבעדיקער מומיע און ער הויבט אָן צו ריידן גאַנץ אַנדערע רייד — דעם אמת, וואָס איז די גאַנצע

ציים געלעגן אונטן. און ער רעדט אים אזוי ווי נאָר צו זיך אליין, אָדער גלייך ווי ער אליין וואָלט אויך ניט געהערט זיינע אייגענע רייד, נאָר אזוי ווי עפּעס אין אים וואָלט גערעדט, ווי א גלגול וואָס רעדט דורכן אָפּגע־נעם מויל פון זיין קרבן, צו וועלכן ער האָט ניט קיין שייכות.

אין דער רייכער גאַמע פון מעגלאכקייטן וואָס די בינע פאַרמאָגט זיינען פאַראַן זייער ווייניק עפעקטן, וואָס קענען זיך פאַרגלייכן אין כח פון ווירקונג צו אָט דעם מערקווירדיקן בינען־עפעקט. קיין אנדער מיטל קען אונז ניט אזוי געבן צו פילן די אפּגרונט־טיפענישן פון מענטשלאכן כאַראַקטער, ווי אָט דאָס מיטל פון גע־זיכט־מאַסקע. מיט דער געזיכט־מאַסקע ווערט די נשמה ארויסגעצויגן פון איר באהעלטעניש אין מאַרך פון די ביינער און ווערט אונז אונטערגעטראָגן אויף א טעלערל, א טעלערל פון מענטשלאכער הויט. די בינע איז אלע־מאָל פאַרשטאַנען געוואָרן ווי א צימער, אין וועלכן איין וואַנט איז אויסגעהאַקט פאַרן צושויער אריינצוקוקן; אָניל האָט נאָך א וואַנט אויסגעהאַקט, א נייע עפענונג געמאכט: אין דעם שאַרבן פון די מענטשן אויף דער בינע. אן עפענונג אין אן עפענונג, א פערספעקטיוו אין א פערספעקטיוו, א ליכטיקייט אין א ליכטיקייט. ווען מען זעט די „אינטערליודיע" אויף דער סצענע באַקומט זיך דער איינדרוק אַבסאָלוט ווי די מענטשן אויף דער בינע וואָלטן אומגעגאַנגען מיט אָפענע שאַרבנס און די צושויער אין טעאַטער וואָלטן אריינגעקוקט אהין און צוגעזען ווי עס שפּילט און מינעט זיך, שלענגלט און פלעכט און ברעכט זיך, צינדט און לעשט זיך אין מי־

ליאָנען גיוואנסן דער מאַרך — אָט די געהיימניספולע הייל, פול מיט שרעקן און געשפּענסטער, וואָס דער מענטש טראָגט, צוגלייך א קרוין און א גיהנם, אויף זיי־נע אַקסל. אָניל האָט ניט ווייניקער ווי א נייע דימענסיע, א פערטע, פאַר דער בינע אַנטדעקט, א דימענסיע וואָס לאָזט אריינקוקן אין דער נאַכט פון מענטשלאַכן בלוט.

א נייע, א צווייטע ראיה, אין בוכשטעבלאַכן זין פון וואָרט, האָט אָניל מיט דער דאָזיקער אינאָוואַציע גע־שענקט דער בינע. ער האָט פאַר איר געעפנט א נייעם רייך, אַנטדעקט א ניי לאַנד, אַ לאַנד — אין דער טיף. ביז אָט דער אַנטדעקונג האָט די בינע געקענט ווייזן דאָס לעבן נאָר ווי א פּאַנאָראַמע, וואָס ציט זיך פאַרביי אונזערע אויגן ווי א לאַנדשאַפט, געזען אויף דער אויי־בערפלאַך. אָבער אָניל האָט אנטדעקט דאָס מיטל צו זען דאָס לעבן צוגלייך אויף זיין אויבערפלאַך און אין זיין טיפקייט, און דאָס אמת׳ע לעבן איז אין דער טיף. פון אויבן ליגן די רעזולטאַטן, פון אונטן — די סבות; אויבן איז דער רויך, אונטן איז דער בראַנד; פון אויבן איז די פרוכט, אינווייניק דאָס וואַקסן. מיט דעם דאָזיקן מיטל פון געזיכט־מאַסקע ווערט די ווירקלאַכקייט גע־כפל׳ט אויף ווירקלאַכקייט. אונזער דור האָט דערפילט אין זיך א נייע און געהיימניספולע וועלט פון אונטער־באַוואוסטזיין, גראַדע ווי א מוטער דערפילט א צווייט לעבן אונטער איר הארצן, און אָניל האָט געוויזן דעם וועג ווי אזוי די דאָזיקע וועלט ארויסצושטעלן אויף דער בינע.

אין „דער מאָדנער אינטערליודיע״ — דאָס ווערק פון ניין אַקטן און צוויי ראיה׳ס — אונטער דער דעק פון

ציוויליזירטער עקזיסטענץ, פּירט אונז אָניל אריין אין דעם אורוויסטן קלימאַט פון דער מענטשלאכער נאַטור. און עס איז כמעט אַזוי ווי א לעגענדאַרישע וועלט וואָלט אויסגעגראָבן געוואָרן טיף אונטער דער אויבער־פלאַך פון דער ערד. עס איז אזוי ווי אָפּגרונטן וואָלטן זיך פּלוצלונג איבערגעקערט מיט דער פינסטערער זייט אַרויף. עס איז גלייך, און אזוי געהיימניספול, ווי א בית־עולם וואָלט זיך אונטן פּלוצלונג פונאַנדערגערעדט. מיר הערן, ווי די אונטער־באַוואוסטזיניקע „איכ׳ן" ריידן זיך דורך, נאַקעטער מוח שמועסט מיט נאַקעטן מוח, מען שמועסט זיך דורך מיט מענטשן, ווען זיי זיינען ניטאָ, און צו די דאָאיקע רעדט מען גלייך ווי זיי וואָלטן ניט גע־ווען. מען כאַפּט יענעם אין ליגנס, מען כאַפּט זיך אליין אין ליגנס. דאָ, אויפן אָפּגרונט, אונטערן דעקטוך פון דער וועלט, האָבן די מענטשן א הינטישן חוש צו דערשמעקן לעבן. אין די צווייטע באַוואוסטזיינס איז ניטאָ קיין באַהעלטעניש. דאָ קענען זיך די מענטשן אזוי ווי חיה׳ס אין וואַלד קענען זיך. די חושים זיינען דאָ שאַרף ווי חלפים און שניידן דורך די קאָרע פון אויבן־אויפיקער ווירקלאכקייט אזוי גרינג ווי א פיש שניידט זיין וועג אין וואַסער. אין פאַרגלייך מיט דער חושים־שאַרפקייט פון אָניל׳ס „אינטערליודיע" גיט די געוויינטלאכע דראַ־מאַטישע ליטעראַטור דאָס געפיל, אזוי ווי זי וואָלט גע־שריבן געוואָרן מיט געפרוירענע פינגער. אין א צייט פון מאַסן־ענלאכקייט, ווען עס איז כמעט ניטאָ מער קיין פּריוואַט געזיכט, האָט אָניל אויף דאָס ניי אויפגעאַקערט דאָס מענטשלאכע פּנים און געוויזן דאָס האַרץ דורך אים. אָניל האָט געשענקט דער דראַמע א נייעם חוש,

דעם חוש פון העלזעריי, דעם חוש פון מיסטישער אנונג.

ווי א וועטער־שטורעץ באפאלט אונז דאס ווערק אויף דער בינע און טראגט אונז אוועק, און טראגט אונז און טראגט, איבער בערג און טאלן און פעלזן פון מענטשלאכן הארצן, און ברעכט אונז די גלידער און פערטלט אונז דאס לייב אין זיין מעכטיקן פלאנטער און גערווירבל. האלב מענטש, האלב געשפענסט, טרעטן אויף מאן, פרוי און קינד און וויקלען יעדערער פונאנדער, ווי א שווארצן באנד, זיין שיקזאל. און מיר ווערן אליין איינגעשפאנט אין אים און מוזן נאכגיין ווי אן אקס אין יאך. עס זיינען אלץ פשוטע מענטשן באשעפטיקט מיט זאכן, וואס מיר קענען זייער טעם אזוי ווי דעם טעם פון ברויט און וואסער. אבער דורך אט די קלענסטע זאכן ווערן די גרויסע, די אייביקע געזעץ, גראדע ווי דורכן קליינעם שפעלטל פארנעמט דאס אויג די גרויסע פאנאראמע.

וואס איז דער ענין פון דער דראמע?

די באשאפונג פון א קינד. אט די אויפגאבע שטייט גרויס און געהיימניספול אין צענטער פון דעם ווערק, אין צענטער פון דעם לעבן פון די מענטשן אין דעם ווערק. צו וואס דאס קינד? דאס איז ניט אונזער זאך צו פארשטיין. דאס איז די זאך פון דער וועלט. עס איז דער פלאן פון דעם געהיימניספולן שכל פון דער וועלט. מיר קענען די ווייען פון א מוטער אין דעם טאג אדער אין די דריי טעג פון געבערן. אבער אין דער אמת'ן איז דאס גאנצע לעבן איין לאנגע אומאויפהערלאכע גע־

בורטווייען. דאָס איז דער זין פון דער „אינטערליו־דיע". און ניט נאָר די מוטער לײדט זיי, נאָר דער פאָ־טער אויך, און דער זיידע און עלטער־זיידע. די זיסע שיכרות פון געשלעכט איז אין אמת׳ן נאָר געבורט־ווייען. די ליבע איז געבורטווייען. דער וואַנזיניקער געיעג נאָך גליק בכלל איז — געבורטווייען. און די בענקשאַפט צום קינד ווען עס איז שוין דאָ און דער דאָרשטיקער הונגער צוצוהאַלטן זיין ליבשאַפט און צו־געבונדנקייט, זיינען בלויז נאָכווייען פון די געבורט־ווייען.

אלץ איז געבורט, געבורט, געבורט. אלץ איז ווייען, ווייען, ווייען.

פון וואָס הויבט זיך אָן די דראַמע?

דערפון וואָס ערגעץ, ביי איין פונקט אין דעם מאַרש פון דער וועלט, האָבן מענטשן געוואָגט זיך צו שטעלן אין וועג פון געבורט. נינאַ האָט געהאַט אַ געליבטן, גאָרדאָן. גאָרדאָן איז אוועק אין דער מלחמה. די לעצ־טע נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט ביי איינאַנדער אין די אָרעמס. אומצייליקע יאָרהונדערטן אין זייער בלוט האָ־בען געשריען: געבורט, געבורט! אָבער נינאַ׳ס טאַטע האָט פריער אָנגעזאָגט גאָרדאָנ׳ען: ניין! געמיינט האָט ער, אַז ער באַשיצט זיין טאָכטער; אָבער אין אמת׳ן, אין זיין צווייטן באַוואוסטזיין, האָט ער באַ־שיצט זיך אליין. ער האָט געוואָלט פון זיין אייגענער טובה וועגן זי צוהאַלטן נעבן זיך. און גאָרדאָן איז גע־וועין אַן ערן־מאַן און האָט געפאָלגט וואָס דער טאַטע הייסט. און ער איז אוועק אין דער מלחמה און איז

גע׳הרג׳עט געוואָרן. און נינאַ איז געבליבן מיט דעם געשריי פון געבערן אין איר בלוט, און אויך דער געשריי פון גאַרדאַנ׳ס בלוט נאָך געבערן איז געבליבן הילכן אָן אייביקער עכאָ אין די אָפּגרונטן פון איר לייב.

און נינאַ ווערט נערוון-קראַנק. אינהיביציע״ רופט מען עס אויפן וויסנשאפטלאכן לשון. אָבער וואָס איז „אינהיביציע״? ווער ווייס: דאָס איז אין אמת׳ן דער סוד פון דער וועלט וואָס ליגט ערגעץ איינגעפלייסט אין דעם לייב און וויל ארויס. און ווער קען זיך ווערן געגן דעם סדר פון דער וועלט?

און נינאַ זוכט דערלייזונג, „קאָמפּענסאציע״ אויף וויסנשאפטלאכער שפּראַך. זי הויבט אָן מיט שנאה צום פאָטער, וואָס איז געווען די אָביעקטיווע ערשטע סיבה פון איר טראַגעדיע. דערנאָך גייט זי אוועק — וואָס איז נאַטירלאכער? — פאַר א גוטער שוועסטער אין א שפּי־טאָל פון קראַנקע סאָלדאַטן, ווארום סאָלדאַטן זיינען גאַרדאַנ׳ס קאָלעגן. און זי היילט זיי מיט רפואות און— מיט איר קערפּער. זי פּרובט, דורך זיי, ענטפערן אויפן רוף פון גאַרדאַנ׳ס בלוט צו איר בלוט, וואָס איז גע־בליבן הענגען ערגעץ אין די רוימען. עס איז א קרבן, וואָס זי ברענגט צו באַרואיקן זיין גייסט און אירן.

אָבער זי ווערט ניט געהיילט. די נאַטור וויל ביי איר א קינד אלס פּרייז פאַר היילונג. אזוי פילט זי אליין אין אלע אירע אברים און אזוי עצה׳ט איר דער דאָק־טאָר נעד. דערין פאַלט זיך צונויף די וויסנשאפט מיט דער פּרימיטיווקייט. פארוואָס איז עס אזוי? ווי אזוי איז עס דאָס געבערן א קינד א רפואה צו נערוון? ווער ווייס; דאָס געהער צום סוד פון דער וועלט.

און כדי צו האָבן אַ קינד נעמט זי זיך צום מאַן סעמ׳ען. אַ לעבלאַכער מאַן. זי ליבט אים כמעט ניט. נאָר ניט קיין מאַן זוכט זי, נאָר אַ קינד. אָבער איז אַ מוטער ווען געפּרובט געוואָרן מיט אַ שווערערער פּרוב? ווען זי פילט שוין דאָס קינד לעבעדיק אין אירע געדע־רים, קומט צו איר איר שוויגער און וואָרנט איר, אַז צוליבן גליק פון דעם נאָך ניט געבאָרענעם נפש, זאָל זי עס ניט לאָזן געבאָרן ווערן... ווארום זי אַנטפּלעקט נינאַ׳ן אַ שרעקלאַכן סוד: סעם איז דער יורש פון אַ לאַנגער קייט דורות פון משוגעת... און טאַקע יעדן טאָג, און דורך דער מינדסטער קלייניקייט קען די משוגעת ארויסשפּרינגען.

פּאַרטרייבן דאָס קינד, פאַרלאָזן סעמ׳ן, אנטלויפן איז נינאַ׳ס ערשטער געדאַנק. אָבער סעם איז אויך אַ מאַמעס אַ קינד און זיין לעבן איז אויך טייער און זאָל דערהאַלטן ווערן. מען מוז אים פאַרהיטן, ניט אויסזאָגן דעם שרעקלאַכן אמת. ווארום דאָס טאַקע קען ברענגען זיין משוגעת פון אויבן. בלייבט בהסכם פון די צוויי ווייבער, אַז נינאַ מוז זיך באַפרייען פון סעם׳ס קינד, געבערן אַ קינד פון אַ געזונטן מאַן און עס לאָזן גילטן פאַר סעם׳ען אלס סעם׳ס.

און דער געזונטער מאַן איז דר. נעד. נאָר דר. נעד איז ווייסנשאַפטלאַך, לאָגיש, קאַלט. ער איז פאַרשוואָרן געגן ליבע, געגן הייראַט, געגן קינד. און ווען נינאַ קומט צו אים און בעט מיט ווייטאָקדיקער תפילה אַ נדבה, אַ קינד — ווי קען ער עס איר געבן? און ער איז סעם׳ס פריינט — וואָס מכוחן געזעץ פון פריינטשאַפט?

אָבער געשלעכט איז פריער ווי לאָגיק און געבערן איז געבאָרן געוואָרן פאַר יעדן מענטשלאַכן געזעץ. גיט ער איר א קינד, אבער ניט אין ליבע, נאָר ניט מער ווי אלס ווּיסנשאַפטלאַכן עקספּערימענט. און אזוי נעמט אויך נינאַ דאָס קינד: נאָר ווי א ביאָלאָגישן עקספּערי־מענט.

אָבער דאָס לעבן איז עלטער און שטאַרקער פון ווּיסנשאַפטלאַכער עקספּערימענטאַציע. נינאַ האָט ביי נעד'ן גענומען א קינד און נעמענדיק פון אים איז זי דערווייל איינגעוואַקסן געוואָרן אין אים ווי א קראַנק בלימל אין געזונטער ערד, און זי האָט זיך מער ניט געקענט אָפּרייסן פון אים. און ער, געבנדיק דאָס קינד, איז דערווייל געוואָרן געליבטער און פאָטער. עס איז געווען א געפערלאַך שפּיל מיטן געהיימנים פון לעבן. און זי וויל אָפּברעכן מיט סעמ'ען און גיין מיט נעד'ן. ער ווערט זיך. מיט אַלע קרעפטן וויל ער ראַטעווען זיין ווּיסנשאַפטלאַכקייט, זיין לאָגיק, זיין קאַריערע. און ער אנטלויפט פון איר אויף עטלאַכע יאָר. נאָר אומזיסט איז זיין מי. ער איז אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם גע־זעץ פון איר לעבן און וועט מער פון אים ניט ארויס. ער קומט צוריק, גרייט צו נעמען זי, קינד און זינד, און זיך אונטערגעבן דעם געהיימען באַפעל פון לעבן. אָבער דערווייל איז סעם געווען א גוטער פאָטער און די פאָ־טערלאַכקייט איז איינע פון די זאַכן, וואָס זיינען נויטיק פארן וואוילגעדייען פון א קינד, און ווי קען זי, די מו־טער, באַרויבן דאָס קינד פון סעמ'ס פאָטערלאַכקייט? וויל זי ניט אָפּגעבן סעמ'ען און ניט אָפּלאָזן נעד'ן. אלץ פון איר קינד'ס וועגן. און זי בלייבט לעבן מיטביידן

פון זיי, וואָרום איינער איז דער פּאַטער פון איר קינד אין לייב, דער צווייטער איז דער פּאַטער פון איר קינד אין גײַסט.

און נאָך א דריטן פּאַטער האָט איר קינד, א פּאַטער אין גייסט — גאָרדאָנ׳ען, איר געליבטן. ער איז דער ערשטער פייער אין איר בלוט. אין זיין אָנדענק רופט זי איר קינד גאָרדאָן, אין זיין אידעאַל דערציט זי אים. אין איר טיפסטן לעבן אלס מוטער לעבט זי מיט אים, אין אירע שווערסטע חלומות אלס פרוי טרוימט זי פון אים. און אירע טרוימען גייען איבער מיט איר מילך אין איר קינד.

און אפילו נאָך א פערטן פּאַטער האָט זי פאַר איר קינד — טשאַרלין, איר חבר. טשאַרלי באַגלייט נינאַ׳ן איר גאַנץ לעבן. ער האָט זי אויך ליב, אבער מיט א ליבע, פון וועלכער די מענלאַכקייט איז ארויסגעצויגן געוואָרן. און ארויסגעצויגן האָט זי פון אים זיין מוטער, וועלכע האָט אים פאַרצערטלט — אַלץ אונטער דעם געהיימען טריב פון דער נאַטור צו געבערן, צו דערנערן, און צו באַוואַכן פאַר זיך. אבער אויך די דאָזיקע אַנטמאַנטע ליבע דאַרף נינאַ ערגעץ־וואו פאַר איר לעבן, און זי נעמט זי ביי טשאַרלי׳ן און גיט זי איר קינד.

און ביים קלימאַקס פון דער פיעסע איז פאַראַן א סצענע, וואו עס ווערט אונטערגעפירט דער סך הכל פון די פּאַטערס, א סצענע פון דערשיטערנדיקער גרויסקייט. עס זיצן צוזאַמען ארום טיש די הויפּט פאַרשוינען מיט פאַרגליווערטע געזיכטער, און עס רעדט דער אונטער־באַוואוסטזיין פון יעדן פון זיי דורך דער פאַרגליווער־

טער הויט־מאַסקע. און עס זאָגט נינאַ, ניט ווי זי וואָלט אַליין גערעדט, נאָר ווי די אורצייטן וואָלטן געפירט איר צונג:

„מיינע דריי מענער!... איך פיל, ווי זייערע פאַר־לאַנגען ציען זיך צוזאַמען אין מיר!... צו מאַכן איין פולקאָמענעם, שיינעם, מענלאַכן פאַרלאַנג, וועלכן איך זויג אריין... און איך ווער א גאַנצע... זיי לייזן זיך אויף אין מיר, זייער לעבן איז מיין לעבן... איך בין שוואַנגער מיט די דריי!... מאַן!... געליבטער!... פאָטער!... און דער פערטער מאַן!... קליינער מאַן... קליינער גאָרדאָן! ער איז אויך מיינער... איצט איז עס פולקאָם!..."

נאָך אָט דער סצענע און נאָך אָט דער פילאָזאָפיע, וואָס גייט אויף פון טיפן אַנען פון וועלט, פון א שיר־ניט מיסטישן שפירן דאָס עלעמענטאַרע אין דעם בלוט־פיבער, ווערט קיין מאַן מער ניט מיינען, אז ער נאָר אַליין איז דער פאָטער פון זיין קינד. טויזנט זאַכן, טויזנט איינפלוסן ציט די נאַטור צוזאַמען און מאַכט זיי פאַר טויזנט שותפים אין דער באַשאַפונג פון א קינד. יעדער קינד האָט טויזנט טאַטעס אויף דער וועלט.

די איבעריקע העלדן, די „פאָטערס" און מענער, זיצן אויך ארום טיש אין דערזועלבער סצענע און „זאָגן". יעדערער זאָגט ארויס זיין נוסח, וועגן זיך, וועגן די אַנ־דערע, וועגן דעם גאַנצן פּאַטאַלן שפיל צווישן זיי. בלויז דער עולם הערט דאָס דאָזיקע טראַכטן אין דערהויך, די העלדן גופא ניט. אין דער גאַנצער דראַמע איז אפשר ניטאָ נאָך אזא מאָמענט ווי די דאָזיקע סצענע, וואו די

געזיכט-מאַסקע באַווייזט איר ממש שרעקלאַכע קראַפט אַלס בינען-מיטל. און אויך איר טיף-מענטשלאַכע זייט. זי ווייזט ווי קיין אַנדער זאַך דוכט זיך קען אַזוי ניט ווייזן די גראַנדיעזע איינזאַמקייט פון מענטש צווישן מענטשן און זיין טראַגישע צעשפּליטערטקייט מיט זיך אַליין.

דער זעקסטער אַקט, פון וועלכן די דאַזיקע סצענע איז דער אַפּשלוס, איז דער געזאַנג פון מאַנאַט אויגוסט אין דעם לייב פון נינאַ, דער מאַנאַט פון אויסגעצייטיקטער ווייב-מוטערלאַכקייט, גראַדע ווי די פריערדיקע אַקטן זיינען דאָס ליד פון מאַי אין איר בלוט, פון מאַי מיט זיינע עראָטישע פּיינען. דאַן הויבט זיך אָן דער נידערגאַנג. דאָס לעבן פון נינאַ און די אַנדערע, וואָס דרייען זיך איינגעשלאָסן אין איר כישוף-קרייז, הויבט זיך אָן לאַנגזאַם אָפּצובלעטערן. עס הויבן זיך אָן די נאָכווייען פון די געבורט-ווייען. נינאַ, נעד, סעם—זייער גאַנץ לעבן גייט איצט איבער אין דער מי צו געווינען יעדער דאָס קינד פאַר זיך, צוצוהאַלטן זיין ליבע, זיך צו-צוקלעפּן צו אים. צו וואָס? ווער ווייס: מסתמא אַלס אָנ-האַלט אָן דער ווירקלאַכקייט, וואָס הויבט אָן פאַר-שווינדן. און דאָ גייט אַוועק די דראַמע מיט א רייכקייט פון איינצלהייטן, פאַרוויקלונגען און איבעראַשונגען ווי א געבענטשט פעלד איז רייך מיט קערנער. ביז עס פאַר-ענדיקט זיך דער מיסטישער צירקל פון לעבן און צום סוף האַנדלט נינאַ בנוגע צו איר קינד גראַדע ווי איר פאָ-טער האָט אַמאָל געהאַנדלט צו איר אַליין: ווען ער פאַר-ליבט זיך אין א מיידל, וויל זי אויך זיך שטעלן זיי אין וועג, אין וועג פון געבורט. אָבער איר גאַנצע מי איז

אומזיסט און אָן א זין. דאָס קינד גייט אַוועק, געפירט פון דער געהיימער האַנט פון דער וועלט, א וועלט פאַר זיך צו ווערן. און נינאַ, נעד, סעם, טשאַרלי הויבן יעדערער אָן זיך איינצוזאַמלען אין זיך, אזוי ווי עס ראָלט זיך צונויף קאָרע אין פייער. דאָס איז דער זין פון די לעצטע דריי אַקטן פון דער דראַמע. די דאָזיקע דריי אַקטן זיינען דאָס בוך פון סעפּטעמבער. עס איז א בוך פון שווערמוטיקן רייץ, פון מידער, הערבסטלאַכער רעזיגנאַציע. ניט קיין גליק זוכן שוין איצט אונזערע העלדן; זיי בעטן שוין נאָר רו און פריד. און שטילערהייט נעמט דער טאָג זיך צונויפצורוקן מיט דער נאַכט איבער זייערע קעפּ, ווי עס ציט זיך צוזאַמען א פאָרהאַנג האַלב גאָלד, האַלב שווארץ. און ווען עס גרייכט דער סוף פון דער דראמע, און עס לאָזט זיך אַראָפּ דער ווייסער ווינטער אויף זייערע האָר, בלייבן זייערע אַלטע גופים הענגען ווי ליידיקע זעק איבערן לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעשאָטן פון זיי.

א פולן, רונדן צירקל פון מענטשלאכן לעבן און זיין נעמט ארום די דראַמע. אויפגעטראָטן זיינען די מענטשן אין איר יונג ווי די זון אין מזרח און פארגיין פארגייען זיי אַלט ווי די זון אין מערב. און ארום דעם גאַנצן גרויסן ראַנד פון דעם צירקל גייען זיי דורך פארליבטע, פאר׳כשופ׳טע, פארפאָלגטע, פאַרדאַמטע, פאַר׳משפט׳ע. און טויזנט ניואַנסן פון מענטשלאכער נאַטור שפּילן אין זיי. זיי זיינען שיין און מיאוס, מיאוס און שיין. זיי זיינען מענטשן און געשפּענסטער צוזאַמען. א דאַמף פון שווארצע וואַסערן פּילט אָן די אַטמאָספערע, און

טויזנט קאָלירן מינען זיך אין איר. אַ גיפטיק און געט־לאַך נעבל וויקלט זיי ארום. גוטס און שלעכטס, ליכט און חשך מישן זיך אינאיינעם. דערנער וואַקסן זיי פון האַרצן, שלאַנגען קריכן זיי פון קאָפּ, נאָר זיי זיינען מלאכים אויך. אָט טריפט זיי גוטסקייט פון די פינגער און אָט שיסן קאַלטע פלאַמען פון גייציקייט זיי פון די אויגן. זיי זיינען די ווייכע וואַרעמקייט פון וויסן פוך און די קילע סאָלידקייט פון גלאַטן גראַניט. זיי זיי־נען מענטש אין טייוול און מענטש אין גאָט.

נאָר ביי דער גאַנצער פולקייט פון ווידערשפּרוך און ווידערשפּעניקייט זיינען דאָך די אַלע מענטשן אויס־געמאָלט מיט דער שאַרפקייט פון שוואַרץ געגן וויים: די פיגורן זיינען דייטלאַך ביז גאָר, קלאָר כאָטש טיף, און פאַרמאָגן א לעצטע און אבסאָלוטע פאַרענדיגטקייט. אין זיי ליגט אָניל׳ס גרעסטע מייסטערשאַפט, די העכס־טע מדרגה פון זיין מענטשן־בויענדיקער קראַפט.

און זיין גרעסטע פיגור איז נינאַ. זי איז אַן אמת׳ער קאָלאָס, צוגלייך כאַראַקטער און סימבאָל פון דער אי־דייע פון פרוי־מוטער. זי איז אויסגעהאַמערט מיט דער קראַפט פון מיטאָלאָגישע געטער־סטאַטוען. דורך איר שוים ווערט ניט נאָר געבאָרן א קינד, נאָר עס גייט דורך די מיסטעריע פון וועלט־שאַפונג. איר לייב איז אויסגעקליבן געוואָרן פון דער וועלט־רעטעניש כדי דורך אים זיך צו פאַרקערפּערן אין געשטאַלט. אין ני־נאַ׳ס לייב שפּיגלען זיך אָפּ אַלע שיקזאַלן פון דער פרוי. זי גייט דורך אין דער דראַמע אין דער ראָלע פון טאָכ־טער, פון געליבטער, פון חבר׳טע, פון קראַנקן־שוועס־

טער, פון פראָסטיטוטקע, פון ווייב און פאַלשער ווייב, פון קינדער־מערדערין און קינדער־געווינערין, פון מו־טער, שנור און שוויגער. זי איז טויזנט פרויען אינאיי־נעם. זי איז די טרעגערין פון דעם פרויען־פּאַטוס, די גרויסע מאַרטירערין פון דעם פרויען־שיקזאַל. נינאַ איז א וועלט־געשטאַלט פון דער פרוי.

אָבער זי איז נישט קיין מענער־צעשטערערין, כאָטש אזוי פיל מענער ווערן אריינגעזויגן אין איר לעבן, און די מענער זיינען נישט קיין ווייב־באַנומענע, כאָטש זייע־רע גלידער זיינען פול אָנגעגאָסן מיט גלוסטונג צו איר. עס איז נאָר א זון און א קאָנסטעלאַציע שטערן ארום איר, צונויפגעצויגן און צוזאַמענגעהאַלטן דורך א גראַ־וויטאַציע, וואָס שטאַמט שוין פון דעם איינצעליקן ביאָלאָגישן אטאָם. אין מענטשלאכער שפּראַך און אין מענטשלאכן באַגריף הייסט די גראַוויטאַציע — גליק. זי זוכט גליק אין זיי, זיי אין איר. און „זיין גליקלאך איז דאָס נעעטסטע, וואָס מיר קענען ווען צוקומען צו ווִיסן, וואָס גאָט איז" זאָגט נינאַ. אָבער גליק איז נאָר דאָס באַצוקערטע הייטל ארום דער פיל פון פיין. אלע זיינען זיי פאַרהאַוועט אין דעם געיעג נאָך גליק, אָבער זיי דעריאָגן נאָר פיין, פיין, פיין. דער איינציקער גליק־לאַכער צווישן זיי איז — סעם, דער אין תוך אומגליק־לאכסטער, דער פּאָטענציעלער אידיאָט, דער פּאָטער ניט צו זיין קינד, דער מאַן „מיט הערנער". „גאָט האָט געדאַרפט זיין א מוטער, וואָלט ער געקענט פילן דעם פיין פון לעבן" זאָגט נינאַ אָבער און ווידער. אָבער גאָט איז א פּאָטער און א פּאָטער איז שטרענג און

האַרט, און פֿאַר גאָט דעם פֿאָטער איז אונזער גאַנצער פּיין נאָר אַ שפּאַס. אָט דער מאָטיוו, די בענקשאַפֿט נאָך מוטערלאַכן רחמנות אין דעם שיקזאַל פֿון דער וועלט, טראָגט זיך דורך דער גאַנצער דראַמע ווי עס טראָגט זיך דורך פֿינסטערער נאַכט דער פּחד'יקער גלאָקן־רוף פֿון אַ קאַטעדראַלע: בום, בום, בום...

„גאָט דאַרף זיין אַ מוטער"... נינאַ איז דער סימ־באָל פֿון דער געקרייציקטער פֿרוי־מוטער, פֿון דעם גע־קרייציקטן מענטשן, געקרייציקט פֿון גאָט, דעם פֿאָטער, וואָס איז אַ שטיף־פֿאָטער צום מענטשן־קינד. אַ גאָט, וואָס וויל נאָך ביז היינט מענטשלאַכע קרבנות. זי איז דער סימבאָל פֿון מענטשלאַכן פּיין אויף דער ערד. זי איז די מאַרטירערין פֿון דער וועלט, די ליידנדיקע מו־טער, די געטין־מוטער פֿון דער וועלט.

און פֿאַר איר ריזיקער געשטאַלט האָט זיך געפֿאָ־דערט ניט אַנדערש ווי דער דריי־מאָל גרויסער פֿאָר־מאַט, וואָס די „אינטערלוידיע" האָט. אין קיין אַנדער בנין האָט זיך די טיטאַנישע סטאַטוע ניט געקענט אריינ־שטעלן, ווי אין אַ בנין וואָס איז געשטאַלטיקט רוימיק און גרויס ווי אַ דאָם. ווארום די אַרכיטעקטור פֿון דער „אינטערלוידיע" איז די אַרכיטעקטור פֿון אַ דאָם, מיט טונקל שווערן געוועלב, אין וועלכן עס רוט אייביק עפּעס פֿון דער פֿאַרכטיקייט פֿון דער נאַכט, מיט גוואַל־טיקע ווענט, פֿון וועלכע ער שרייט מיט יעדער שורה צום הימל. מיט איר טעכנישן צויבער און פֿילאָזאָפֿי־שער פֿרומקייט איז „אינטערלוידיע" אַ מאָדערנער מי־ראַקל־שפּיל.

און אזוי ווי דאָס און קאַטעדראַלע פאַרבינדן מיט דעם איבערזין פון דער וועלט, אזוי פאַרבינדט די „אינ־טערליודיע" מיט דעם גרויסן און געהיימן איבערזין פון דער וועלט. דאָ איז דער מענטש נים מער ערד און נים מער בלויז לייב, ווי אין אָניל׳ס פריערדיקע דראַמען. דאָ איז מענטש איינס מיט ערד, איינס מיט גאָט, איינס מיט דער גאַנצער ווירקלאַכקייט. דאָ איז דער מענטש אריינגעזעצט אין מיטן פון קאָסמישן געשעען. אין די ערשטע דראַמען זיינען געווען „אינהאלטן", אויסשניטן פון לעבן, דאָרט איז דאָס לעבן געזען געוואָרן אין שטי־קער, דאָ — אין גוואַלטיק באַגריפענער גאַנצקייט. אלע זיינע פריעריגע מאָטיוון זיינען צוזאַמענגעצויגן אין אָט דעם לעצטן דראַמאַטישן עפּאָס, מעכטיק קאָמפּאָנירט אין דעם מעכטיקן ריטם פון דונדערן און ערדציטער־נישן.

וואָרום אזוי ווי די „אינטערליודיע" איז אַרכיטעק־טור, אזוי איז זי אויך מוזיק, ווי אלע גרויסע קונסט ווערק זיינען עס. זיינע אנדערע ווערק זיינען געשריבן מיטן אויג; די „אינטערליודיע" איז געשריבן מיטן אויער. עס איז פאַראַן א שטילע מוזיק א י ן איר, אזוי שטיל ווי דער פאַרשטיקטער גערויש אין דעם מושל פון ים, און עס איז פאַראַן א מוזיק אַ ר ו ם איר, וואָס שפּרייט זיך רעש׳יג און ווייט, ווי דאָס קראַ־כן פון וואַסערפאַלן. די ערשטע הערט זיך פון די טוי־זנט איינצלהייטן פון דער דראַמע, פון דעם האַרצ־קלאַפּן פון יעדן העלד באַזונדער; די צווייטע קומט פון דעם כאָר פון אלע הערצער אין דער דראמע און זייער קלאַפּן אלע אינאייניעם אָן האַרץ פון דער וועלט. די

דאָזיקע מוזיק טראָגט זיך ארום אייך לאַנג און ווייט נאָכדעם ווי איר האָט דאָס ווערק געזען אָדער געלייענט. עס איז א מעכטיקע סימפאָניע, אויסגעשפּילט אויף סטרונעס פון מענטשלאכע אָדערן.

„די מאָדנע אינטערליודיע" לאָזט איבער אין אונז א גרויסע נאכט, מיט גרוי־פאַרנעפּלטן טאָגן, און די ערד און די זון און די שטערן זיינען נאר אזוי פיל קאָלירטע פילקעס וואָס טאַנצן אין די הענט פון — ווער?־ א קלאון? א גאָט? א גאָט וואָס איז א קלאון? אויב יע—צו וואָס? צו וועלכן צוועק און וועלכן זין? און צי איז איבערהויפּט פאַראַן דאָרט ערגעץ־וואו א צוועק און א זין? ניין—לאָזט אונז די דראַמע הערן. די גאַנצע מהומה, וואָס הייסט לעבן, איז נאָר אַן אינטערליודיע, עפּעס אזא מאָדנער, ווילדער צווישנטאַקט אין דעם עלעקטרישן שפּיל פון גאָט דעם פאָטער. אָט דעם אומעטיקן גרוס געבערט אונז נינאַ פון דעם פּיין פון איר לייב, אזוי ווי זי האָט מיט פּיין אונז געבאָרן א קינד. און דער דאָ־זיקער טרויעריקער גרוס טראָגט זיך איבער דער גאַנ־צער דראַמע, וויקלט און נעמט זי ארום, וויינט איבער איר, ווי עס וויינט א טרויער־באַנד ארום א ליידיקן ארבל פון א פאַרלאָרענער האַנט.

אָבער — און דאָס איז דער סוד פון גרויסער קונסט — ביי דעם גאַנצן טיפן אומעט, וואָס די „אינטערליו־דיע" טראָגט, ביי איר גאַנצן דראַנג און שטורעם, ברענגט זי דאָך א מאָדנע באַרואיגונג פון געמיט, אזא זיסע היי־לונג פון גייסט. זי היילט און שטילט און באַגליקט ווי א וואַנדערונג דורך שטילער לאַנדשאַפט.

גאָט

אין „לאזארום“ און „אינטערלױדיע“ איז אָניל צו־געקומען צו די סאַמע טויערן פֿון הימל אין דער קונסט. און עס האָט געפּאַסט אז ער זאָל, אין קינסטלערישער עניוות און הכנעה, פּערציק טעג און פערציק נעכט וואַשן זײַן קערפּער, לײַטערן זײַן גײַסט, זיך אויסטאָן פֿון דער וועלט און אירע נסיונות, זיך פֿרום פֿאַרוויקלען אין טלית פֿון הייליקער דיכטונג און אין הייסער תפילה וואַרטן, וואַרטן לאַנג און געדולדיק, און דעמאָלט, ווען ער וואָלט אנגעקלאַפּט אין טויער וואָלט אפֿשר, אין אַ געבענטשטער רגע, דער טויער זיך געעפֿנט און ער וואָלט זוכה געווען צו זען דעם פּנים פֿון דער שכינה.

אָבער אָניל איז ניט אזוי געגאַנגען. אָנשפּאַרנדיק מיטן קאָפּ אין הימל האָט ער געהאַלטן געבויגן זײַן אויער צו דער ערד, און זיך גיריג אײַנגעהערט צו די געזאַנגען צו זײַן נאָמען וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אים פֿון אונטן. און עס איז געוואָרן גרויס זײַן מוט און שטאָלץ זײַן האַרץ, און ער האָט, אין קינסטלערישער גאווה, גענומען דעם הימל באַפֿעלן זיך צו עפֿענען, און צו גאָט האָט ער גערופֿן ווי עס רופֿט אַ חבר צו אַ חבר.

און גאָטס האַנט איז געווען שווער אויף אים און גאָט האָט אָפּגעטאָן פֿון אים דעם גײַסט פֿון דיכטערי־

שער נבואה, און אַניל האָט געוואוסט זיין מוזע און זי האָט אים געבאָרן א פארזעעניש, „דינאמאָ".

„דינאמאָ" האָט געזאָלט זיין א מאָדערן ווערק פון גאָט. שוין אין דער „אינטערליודיע" איז פארוואָרפן דער געדאַנק פון „געטלאכער עלעקטריציטעט". דאָס הייסט, אויב די וויסנשאפט איז גערעכט און עלעקטרי־ציטעט איז אלץ, דאן איז עלעקטריציטעט גאָט, און אויב זי איז גאָט דארף מען קענען צו איר תפלה טאָן, זיך בוקן און קניען צו איר און בעטן אויף גוטן מזל, און דער מאָטאָר איז דער מזבח. א שיינער און פרוכטבא־רער געדאַנק.

אָבער פארזינדיקט האָט אים אַניל. ווארום אַניל איז געשלאָגן געוואָרן מיט די זינד פון מארקא מיליאָנס, די זינד פון ערפאָלג. דער גרויסער נצחון פון דער „אינ־טערליודיע" האָט אים אומגעדולדיק געמאכט נאָך נייע נצחונות. ליגט אן אומגעדולדיקייט אויסגעגאָסן איבערן גאנצן ווערק, א קורץ־אטעמדיקייט, א ווילדער געיעג און א מידקייט. ניט אויסגעטראָגן, ניט אויסגעוויטיקט איז דאָס ווערק, נאָר אמעריקאניש־פאַבריצירט. און דער סוף איז, אז דאָס וואָס האָט געזאָלט זיין א דיכ־טונג פון גאָט פארמאָגט ניט אין קיין איינציקער שורה דעם געטלאכן פונק פון דיכטונג.

גאָטס שטראָף.

און די שטראָף איז אזוי גרויס, אז די זאכן וואָס זיינען פריער געווען אנילס שענסטע מעלות זיינען דא געוואָרן זיינע ערגסטע חסרונות. זיין מייסטערשאפט

פון דעם איינאַקטער האָט אים פאַרדאָרבן „דינאַמאָ“ קאָנסטרוקטיוו. דער ערשטער אַקט, גענומען באַזונדער, איז אַ פיינע קליינע קאָמעדיע וואָס דאַרף שטיין אַליין. און זיין וואונדערבאַרע ערפינדונג פון געזיכט־מאַסקע וואָס האָט די „אינטערליודיע“ אַזוי גרויס געמאַכט, קלינגט דאָ ווי עפּעס אַ ליידיקע עפּענונג פון וועלכער עס גייען קלאַנגען אָן אַ זין.

און זיין אייביקער טאַקט צוצוקלייבן די פּאַסיקע מענטשן פאַר די טרעגער פון זיינע דיכטערישע אידייען האָט אים אויך פאַרלאָזן אין „דינאַמאָ“. פאַר דעם פּראָבלעם פון גאָט, דאָס העכסטע און לעצטע פּראָבלעם פון דער פּאָעזיע, האָט אָניל אויסגעקליבן אַ קליינשטעטל־דיקן אַפּיקורוס (פייף), אַ דרדקי גלח (לאַיט), און זיין זון ראובן. פייפס גאַנצע אַפּיקורסות באַשטייט אין דעם וואָס ער „ווייס“ אַז ס׳איז קיין גאָט ניטאָ, און אַלץ וואָס איז דאָ איז עלעקטריציטעט; דעם גלח׳ס גאַנצע רעליגיעזע טיפקייט באַשטייט אין דעם וואָס ער ווייס אַז אין דעם אַפּיקורוס שטעקט דער שטן. דער הויפּט־העלד פון דער פּיעסע, דער טרעגער פון דער נייער געט־לאַכער אידייע, איז ראובן: ער דאַרף עס מאַכן דעם סינטעז צווישן פייפ׳ס עלעקטריציטעט און דעם גלח׳ס באַגריף פון אַ גאָט. און ראובנען דערהויבט עס אָניל צו דער מדרגה פון אַ מאָדערנעם משיח וואָס ברענגט אַ נייע אויסלייזונג, די לעצטע אויסלייזונג פאַר דער מענטשהייט, דאָס קיניגרייך פון וויסנשאַפטלאַכן גליק אויף דער ערד.

אָבער דער „מאָדערנער משיח“ איז אַזוי טיף ווי אַ טעקסט־ביכל פון דריטן יאָר קינדער־שול, און ער זאָגט

ארום געדאנקען וועגן וויסנשאפט, לעבן און עלעקטרי־ציטעט, וואָס מען קען הערן יעדן טאָג אין צען טויזנט קלאס־צימערן אין צען טויזנט שולן איבער דער גרוי־סער אמעריקאנער ערד. און איבערגאנגען און איבער־ברוכן מאכט „משיח" דורך, וואָס פאסן זיך בעסער פאר „מאט און דשעף", פאר די „קאצניאָמער קידס" און אנ־דערע העלדן פון די הומאָריסטישע זייטן אין די אמע־ריקאנער צייטונגען, איידער פאר א גאָטזוכער און משיח.

און אָט דעם האלב־נאַר און האלב־משוגענעם לאָזט אָניל דורכלעבן די נסיונות פון א הייליקן אנטאָניוס, פּראָוועט די סימנים און שפּרוכן און סגולות פון א קאבא־ליסט און דורכגיין די פיינען און ענויים פון אַן אַסקעט! א קאַץ הייסט ער אריבערשווימען דעם ים, א גאַנז לייע־נען די שטערן! און ער גיט אים אפילו דריי מערי'ס צו הילף, אַלאַ קריסטוס: זיין אייגענע מאמע, טעמפּ לעבעדיקערהייט ווי נאָכן טויט, מרס. פאיף, נאַריש און פעט ווי א קו, און איידא איר קאלב!...

און מיט אזא געזיינדל האָט עס אָניל זיך אונטער־גענומען צו לייזן דאָס גאָט־וויסנשאפט פּראָבלעם פון אונזער צייט... נאָך „לאַזאַרוס", נאָך דער „אינטערליו־דיע"...

באמת, א בלינדער אין דער זאהארא קען ווייני־קער בלאָנדזשען ווי אָניל בלאָנדזשעט אין דעם דאָזיקן אומגליקלאכן ווערק.

און דאָס איז געקומען נאָר א שטראָף פאר דיכטע־רישע זינד. אָניל, א קינד פון א לאַנד פון אייביקן געיעג

און אומבאגרעניצטער פראָדוקציע, איז געפאַלן אַ קרבן פון דער קללה וואָס ער האלט אליין פארשאָלטן. די אי־דייע פון „דינאמאָ“, אינטערעסאנט אין זיך אליין, האָט געפאָדערט אויסגעטראָגן, אויסגערייפט, אויסגעכאָוועט און אויסגעליבט צו ווערן. דאנטע האָט אין זיין „געט־לאַכער קאָמעדיע“ דעם מארך פון זיינע ביינער ארייג־געדריקט; געטהע האָט זיין גאָט־מענטש דראמע גע־שריבן איבער אַ שפאַן פון זעכציק יאָר; און „איוב“ און „פראָמעטעאוס“ — ווער ווייס וויפיל מאָס מאַרך און בלוט, און וויפיל טעג און נעכט זיינען אין זיי ארייג־געלייגט געוואָרן?

די העכסטע פאָעזיע איז פאָעזיע מיט גאָט. אָבער דער וועג צו גאָט איז שווער און לאַנג. גאָט קומט ניט אויפן וואונק פון אַ פינגער, און אַ געטלאַך ווערק לאָזט זיך ניט אראָפדיקטירן צו אַ סטענאָגראַפיסטקע אזוי ווי „מארקאָ מיליאָנטשיק“ דיקטירט זיינע געשעפטלאכע בריוו.

קונסט איז מיסטיש, און אַלע ווערק דרייט זיך אין דריי מיסטישע, קאָנצענטרישע צירקלען.

אין דעם ערשטן צירקל, דעם אינווייניקסטן, דרייט זיך זיין אייגענע דיכטער־נשמה אין איר דראַנג פון דעם נידעריקסטן שכל וואָס איז אינסטינקט און אינטואיציע צום העכסטן וואָס איז חכמה. די העכסטע קונסט ליגט ביים שפיץ פון די ביידע.

אָבער דער ערשטער צירקל באוועגט זיך אין אַ צווייטן אין וועלכן אַלס גאנצער דור, דער בעסערער

טייל פון אים, ציט זיך אין דער בענקשאפט זיך ארויס־צוהויבן פון לעבן אלס זיין צו לעבן אלס זין.

און דער צווייטער צירקל דרייט זיך אין א דריטן אין וועלכן דער אמעריקאנער קאָנטינענט מיט זיין מענטשהייט בלאָנדזשעט און זוכט א תקון פון זיין פאר־זונקנקייט אין מאַטעריע צו אויפגאַנג אין גייסט. גע־לעגן א קאָנטינענט פריי אויף דער וועלט און געזאָגט: קומט, האָט מיך! און עס איז געוואָרן א געיעג צווישן די מענטשן צו כאפן, איינצונעמען, האָבן, באזיצן. אלע אינסטינקטן זיינען אין דעם דראנג אָפּגעטרא־טען הינטן און געבליבן איז נאָר דער אינסטינקט פון האָב און באַזיץ, גראדע ווי אין א פּאַניק גייען אלע מענטשלאכע געפילן פארלאָרן און עס בלייבט נאָר דער אינסטינקט פון ראַטעווען דאָס לעבן. ביז די אמערי־קאנישע מענטשהייט איז געוואָרן א מענטשלאכער טיפ וואָס שטרעבט אריינצונעמען די וועלט אין זיך, אבער ניט דורך באוואוסטזיין אין לייב, נאָר דורך באזיץ אין טאַש. דער ארימסטער וועג רייך צו זיין. און דערפאר איז עס אָנילן דער ים געבליבן פרעמד און די ערד ניט ליב. נאָר איצט קומט שוין אן אין אמעריקע די איבער־זעטקייט מיט גאָלד און עס הויבט זיך אָן א בענק־שאפט נאָך גייסטיקער דערלייזונג. און אמעריקע טרעט אריין אין איר דריטער פעריאָדע. די ערשטע איז געווען קאָלאָניזאַציע, די צווייטע אינדוסטריאליזאציע, די דריטע וועט זיין — ספּיריטואליזאציע.

אין איינעם פון די דריי קרייזן גייט אריין יעדער וויכטיק ווערק וואָס אָניל האָט געשריבן. „קעניג

דזשאָונס" מיט זיין באַרבאַרישן ריטם און פּרימיטיווער שרעק איז נאָך אַ דראַמע פון מענטש און נאַטור. די „האָריקע מאַלפּע" יענק, וואָס איז ווי אַ דירעקטער זון פון „פּיטעקאַנטראָפּוס ערעקטוס", קומט אום דורך דער היינטיקער אָרדנונג וואָס לאָזט ניט דעם שטרעבנ־דיקן מענטשן זיך דערהויבן, נאָר טרייבט אים צוריק צו דער מדרגה פון דער חיה. „דער פאַנטאָן" איז אַ שיין שפּיל וואָס דערהויבט די ווירקלאַכקייט צו פאַנטאַזיע און אין „גאָלד" און אין „גאָטס קינדער האָבן אַלע פליגל" זאָגט שוין דער נאָמען אַליין דעם זין פון דעם ווערק.

און צוזאַמען מיט די אַלע זוכענישן פון גייסט איז געגאַנגען דאָס זוכן פון פאָרמען. יודזשין אָניל איז דער גרעסטער בינען־אינאָוואַטאָר פון אונזער צייט, אַ שע־פער פון פאָרם.

אָניל'ס ווערק איז אַ גרויסע אָנקלאַגע קעגן אַמע־ריקע און אַ גרויסער אָנזאָג. ער קלאָגט אָן וואָס אַ לאַנד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן פון פאַנטאַזיע און איז אויפגעוואַקסן אין אַוואַנטיורע, פון קאָלומבוס'ן ביזן לעצטן פּראַנטירמאַן, האָט זיך געמאַכט פאַרן העכסטן אידעאַל די איינגעזעסנקייט אין דער פאַרגליווערטער בירגערלאַכקייט, אָן גייסטיקער אומרו, אָן פאַנטאַס־טישן שוואונג. וואָס איז אַ טאָג אָן אַ נייעם געדאַנק? אָבער שוין אָנדערטהאַלבן הונדערט יאָר אַז אַמעריקע האָט ניט געבאָרן קיין אידייע, קיין אַבסטראַקטע אי־דייע. זי איז געוואָרן אַ לאַנד מיט אַן אויסגעשניטענער נשמה, אַ קאָנטינענט וואָס האָט, אין עטישן זין, געגעבן דער וועלט מער פון אַלץ דעם „מיין! מיין!" איר לי־

טעראַטור ווייס כמעט ניט פון דעם גענײסנדיקן אַמערי־קאַנער, נאָר דעם יאָגעדיקן, דעם אייביק האָב־גיריקן, וואָס נאָך זיין גאַנצער מי און מאַטער, בלייבט ער איבער אין אַן אויסגעליידיקטער וועלט פול מיט רייכטום. אַ פאָלק מיט אַזאַ גוואַלדיקן טאַלאַנט צו שטרעבן זאָל אים פאַרווענדן אינגאַנצן אויף — געיעג נאָך גאָלד . . .

און אָניל, צוזאַמען מיט דער גאַנצער נייער פּראָ־גרעסיווער שול אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, איז געקומען און האָט גענומען פּריידיקן דעם ווערט פון בענקשאַפט נאָך שיינקייט, די גליקזעליקייט פון פאַנ־טאַזיע, די ברכה פון אידייע. ער וויל אַמעריקע אין אַ נייעם בילד, אין אַן אַנדער געשטאַלט. ער וויל אַ נייע לעבנס־מעלאָדיע אין אַמעריקע, אַ נייעם סטיל. ער וויל אַ נייע שייכות מיט זאַכן : ניט קיין פּראַקטישע נאָר דיכטערישע, ניט קיין רעאַליסטישע נאָר פילאָזאָפישע, ניט קיין נאַטוראַליסטישע נאָר מיסטישע. ער וויל דאָס ערדישע מיטן געטלאַכן פאַרבינדן. ווארום די וועלט קען ניט לעבן אָן וואונדער און געהיימנים.

און דערמיט איז אָניל אַן אָנזאָגער פון אַ נייער צייט אין אַמעריקע, דער פּאָעט פון אַן אומרואיקער עפּאָכע וועלכע הויבט אָן צו זוכן אַ נייעם זין, נייע גע־זעצן, גייסטיקע, מאָראַלישע און עסטעטישע, און אַ נייע האַלטונג צו וועלט און מענטש.

אָט דאָס איז דער זין און גאַנג פון אָניל׳ס קונסט : פון כאַאָס צו גאָט. און קונסט איז דאָס נעענטסטע וואָס מיר קענען צוקומען צו גאָט.